STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04499

BERLIN-MOSKVE-YERUSHOLAYIM

Elias Paluszak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Compliments for the Jewish Press London

אליהו פּאַלושאַק

בערלין-מאָסקווע-ירושלים

(צייטפראגן פון אונדזער וועלט)

קאַפּיטלעך:

1. בערלין און מאָסקווע.
2. ירושלים.
3. עס רופט בערלין . . .
4. האַלט אייך גרייט!
5. אויף דער וואַך.
6. די קאַלטע און די הייסע מלחמה.
7. ראסקאַלניקאָוו באַרגט זיך אויס אַ האַק.
8. דער גרויסער חבר באַטיושקא.
9. Lest We Forget!

אַלע רעכט רעזערווירט. נאָכדרוקן און איבערזעצן

נאָר מיט דער דערלויבעניש פון מחבר.

All rights reserved by author

Published by E. PALUSZAK

64 LAURISTON ROAD, LONDON, E.9

Copyright 1956

לייטמאטיוו פונם מחבר צו „בערלין—מאסקווע—ירושלים“

פרץ אין זיין קאַמף פאַר דער אייגנאַרט פונם יידישן קונסט־שאַפן האָט אַמאָל געזאָגט: „מען דאַרף אַרויס פון געטאָ און זען די וועלט, נאָר מיט יידישע אויגן. יידיש מוז זיין דער שטאַנדפונקט, פון וועלכן דאָס קינסטלער־פּראָבלעם ווערט באַטראַכט.“

אויף אַן אַנדערער שטעל זאָגט ער:

„יידישקייט איז דאָס, וואָס באַשאַפט אין צייטן פון זעלבסטשטענדיקייט, פרייהייט און מאַכט, אינסטיטוטן צו איר אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג, און דעמאָלט איז זי פרייד און גליק — עולם הזה.

„וואָס באַשאַפט אין צייטן פון שטרייט, — אינסטיטוטן צום אָפּווער, צום פאַרהיטן, צום שיצן, — זיך און די איריקע און דעמאָלט איז זי קאַמף און העלדן־געזאַנג.

„און וואָס מוז, אין צייטן פון אונטערטעניקער שוואַכקייט, זיך איינציען, איינשרומפּן, באַהאַלטן אין ׳פּינטעלע ייד׳, אָפּוואַרטן און אויסהאַלטן שווייגנדיק די בעסערע צייטן, און דעמאָלט איז זי האָפענונג,ליידן און פּיין . . . משיח חלומות און עולם הבא.

„און דעמאָלט פאַרלאַנגט זי קרבנות . . .“ (י. ל. פרץ „געדאַנקען און אידייען„ ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין).

דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג איז חל, לויט פרצעס שיטה, אויף אַלע אַנדערע וויכטיקע יידישע און וועלט־פראַגן. מען מוז קענען זען די וועלט מיט יידישע אויגן, כדי זיך נישט צו פאַרלירן.

IN MEMORY OF
IZAK RAFALOWICZ
AMSTERDAM

1990

בערלין — מאסקווע — ירושלים

1

בערלין און מאסקווע

עס לוינט זיך אַ צוריקבליק פון אַ גאַנצן דור.

מיט דרייסיק יאָר צוריק וואָלט די טעמע געהייסן: פּאַריז, בערלין, מאָסקווע. ס׳איז געווען אַ זיבן־אַכט יאָר נאָך דער ערשטער בלוטיקער וועלט־מלחמה. פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע מיליטערישע מאַכט אין אייראָפּע און אין דער וועלט. דאָס פּראָבלעם רור־געביט און איבערשלעזיע, די עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע קאַפּאַציטעט פונם באַזיגטן דייטשלאַנד און די רעפּעראַציע־פראַגן זיינען געשטאַנען אינם מיטלפּונקט פון אַלע פאַרהאַנדלונגען. ראַימאָנד פּואַנקאַרע איז געוואָרן דער נאָכפאָלגער פונם „טיגער" קלעמאַנסאָ, דעם גרעסטן דייטשן־האַסער פון יענעם דור, און האָט געהאַלטן דעם קאַנטשיק איבער דעם לאָבוסאָוואַטן שונא פון אַמאָל. דייטשלאַנד האָט זיך אין ווערטער און מעשים שטאַרק געוועהרט.

ס׳איז אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד די באַוועגונג פונם פּאַסיוון ווידערשטאַנד, און פון אָרגאַניזירטער סימפּאַטיע (לטובת דייטשלאַנד) אין אַ טייל לענדער, וועלכע האָבן ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געהאָלפן צו פאַרניכטן דאָס אימפּעריאַליסטישע אַגרעסיווע דייטשלאַנד פון ווילהעלם דעם צווייטן. כאָטש ס׳איז דעמאָלט פראַנקרייך געלונגען צו שאַפן אַ „קאָרדאָן סאַניטייר" אַרום דייטשלאַנד מיט דער הילף פון די צוויי יונגע רעפּובליקן פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע, דעם נייעם קעניגרייך פון יוגאָסלאַוויע און גרויסרומעניע, האָט אָבער דאָס אויפקומען פונם פאַשיסטישן איטאַליע מיט איר שנאה צום רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך און מחמת דעם איזאָלאַציאָניזם, דאָס זיך אָפּגעזונדערט־האַלטן, פון דער גרויסער צפון־אַמעריקאַנער רעפּובליק צוגעפירט דערצו, אַז ערשט שטילערהייט און נאָכדעם אָפן און אומפאַרשעמט זיינען אין דייטשלאַנד אויסגעוואַקסן שטאַרקע נאַציאָנאַליסטיש־מיליטאַריסטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פונם דייטשן פאָלק און געבראַכט צו דער עראַ היטלער, דער צווייטער וועלט־מלחמה און די אַלע מאוסע נאָכווייען און קאָנוולסיעס, פון וועלכע די וועלט ליידט נאָך היינט צו טאָג.

דאָס אַלץ איז געשייען נישט גאַנץ אָן דער פּאַסיווער און אַקטיווער הילף פון די היגע מאַכטהאָבערס. ווייל זייט ענגלאַנד איז געוואָרן אַ וועלטמאַכט, האָט זי אייביק אינטריגירט קעגן יעדער קאָנטינענטאַלער מלוכה, וועלכע האָט מיט

זיך פֿאַרגעשטעלט אַ כּח. און אַזוי ווי דער דעמאָלטיקער זיגער פֿראַנקרייך איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוליב דער שוואַכקייט פֿון מאָסקווע און דער מפּלה פֿון דייטשלאַנד געוואָרן דער שטאַרקסטער כּח פֿון אייראָפּע, איז גרויס־בריטאַניע געווען גענייגט צו מאַכן גרויסע קאָמפּראָמיסן און פּריינטלעכע זשעסטן צו בערלין אויפֿן חשבון פֿון פֿראַנקרייך, פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. באַקאַנט איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג די בריטישע שטעלונג קעגן יעדן מין פֿון סאַנקציעס לגבי דייטשלאַנד, קעגן דעם אַריינמאַרש פֿון פֿראַנצויזישע און בעלגישע טרופּן אין רורגעביט אין יאַנואַר 1923. אָט די אַלע אָפֿענע און באַהאַלטענע פּריינטלעכע זשעסטן מצב גרויס־בריטאַניע לפני דייטשלאַנד האָבן פֿראַנקרייך שטאַרק געררייצט. גרויס־בריטאַניע האָט דערמיט געוואָלט שאַפֿן אַ „געזונטן באַלאַנס״, אַ דריטן כּח אויפֿן אייראָפּייאישן קאָנטינענט, כּדי זיך צו קענען פֿרייער ווידמען אירע אימפּעריאַלע אינטערעסן אין דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס אין די ניי־געוווּנענע איינפֿלוס־ספֿערן און מאַנדאַט־לענדער פֿונם נאָענטן מזרח, וועלכע האָבן איינגעשלאָסן ארץ ישראל, דעם ניי־געשאַפֿענעם עמיראַט עבר הירדן (טראַנסיאַרדאַניע) און מעסאָפּאָטאַמיע, דאָס היינטיקע קעניגרייך איראַק.

מאָסקווע איז געווען אויסגעמוטשעט פֿון מלחמה, רעוואָלוציע, אינטער־ווענציע מצד אַנדערע מלוכות, הונגער און בירגער־קריג. אַן אַבסאָלוטיסטיש־פֿוידאַלע אימפּעריע מיט הונדערט פֿעלקערשאַפֿטן איז געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין אַ נייעם מלוכה־ און געזעלשאַפֿטס־סיסטעם אויף די יסודות און פּרינציפּן פֿון „דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט״, וואָס איז באמתדיק די דיקטאַטור פֿון איין פּאַרטיי, אָנגעפֿירט פֿון אַ שטאָל־האַרטער פּאַרטיי־היעראַרכיע. מאָסקווע האָט ראַדיקאַל אָפּגעשאַפֿט דאָס מלוכהשע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סיסטעם פֿון נעכטן. די סאָציאַליסטישע פֿינף־יאָר־פּלאַנען האָבן איינגעשפּאַנט דאָס גאַנצע פֿאָלק צו ווידעראויפֿבוי און אַרבעט. דאָס לאַנד האָט געברויכט שלום פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן. מאָסקווע איז נישט געווען (נאָך נישט!) קיין געפֿאַר פֿאַר דעם שלום פֿון דער וועלט.

דער באַגריף זעט אויס צו זיין אַ נייער, אָבער שוין דעמאָלט האָט עקזיס־טירט אַן אייזערנער פֿאָרהאַנג. ס׳איז געווען אַ געוואַלטיקע מחיצה צווישן מזרח און מערב. ס׳איז קיים געווען אַ רייזע־פּאַרקער, אַ גייסטיקער געדאַנקען און קולטור־אויסטויש צווישן רוסלאַנד און דעם מערב טייל פֿון אייראָפּע. רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אויף יענער זייט פֿון די פּריפּעטער בלאָטעס אָדער זומפּן, און צווישן דעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד און צענטראַל־אייראָפּע איז געלעגן די יונגע רעפּובליק פּוילן, אַן אַליאירטע פֿון פֿראַנקרייך, און אָנגעפֿירט פֿון אַ רעאַקציאָ־נערער קאָטוילישער און מיליטאַריסטישער קליקע מיט אַ שנאה צו דייטשלאַנד און נאָך אַ גרעסערער קנאה־שנאה צו מאָסקווע, דעם צענטראַל־פּונקט פֿונם גרעסטן מלוכה־ און פֿעלקער־פֿאַרבאַנד פֿון דער וועלט. אָבער מאָסקווע איז נישט עפּעס סתם דאָס מאָסקווע פֿון אַמאָל. נאָך קיעוו די צווייט־עלטצטע רעזידענץ־שטאָט פֿון די אַלטע קניאזן און דעם בלוטיקן צאַר איוואַן גראַזני

(דעם שרעקלעכן) און דעם אייראָפּעאיזירטן פּעטער ראָמאַנאָוו (וועלכער האָט שפּעטער סט' פּעטערסבורג, דאָס היינטיקע לענינגראַד, געמאַכט פאַר די הויפּט־שטאָט פון אַלרוסלאַנד), איז מאָסקווע אין די הערצער פונם רוסישן פאָלק אייביק געווען דער גייסטיקער צענטער, אַ מין „ניי־ירושלים" (דאָס איז אַ דאָסטאָיעווסקישער באַגריף). מאָסקווע, אַמאָל די שטאָט פון „סאַראַק סאָראָקאָוו" (פערציק מאָל פערציק) צערקוועס, קאַטעדראַלעס און קאַפּעלן, איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון דער מעכטיקער און ווייט־פאַרצווייגטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַלע. און דאָ הויבט זיך אָן די גרויסע ראָלע פון בערלין, אַ נייע וועלטשטאָט אינדערמיט פון דער אָרימער זאַמד־פּושקע אינם אַמאָליקן הערצאָגטום (אָדער מאַרק־גראַפשאַפט) בראַנדענבורג, אָן אויפגעקומענע גבירהטע אָן שום יחוס־בריוו, געשיכטע און טראַדיציע, העכסטענס באַרימט מיט איר „אייזביין און זויערקרויט" (אַ מין נאַציאָנאַלער מאכל) און דעם בערלינער ווייסביר, און איצטער די הויפּטשטאָט פון אַ געשלאָגן לאַנד, וועמען מען האָט צוגענומען אַמאָל גערעבעוועטע פּראָווינצן; פון אַ לאַנד, וואָס מוז צאָלן רעפּעראַציעס און נעבעך צוקוקן, ווי אַלע שכנים, קליינע און גרויסע, אפילו די ניי־רעסטאַווירטע מלוכות, ווי פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע און דאָס פאַרגרעסערטע רומעניע, „שפּילן זיך אין זעלנער", ריידן הויכע דבורים, און זי אַליין, די גרויסע גערמאַניאַ, מעג נאָר האַלטן אַ קליינע שאָטן־אַרמיי פון הונדערט־טויזנט זעלנערלעך מיט אַ באַגרענעצטער עקיפּאַזש און אויסריכטונג, וואָס ס'האָט איר דערלויבט דער ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט.

זיינען אין דייטשלאַנד געוואָרן געבוירן טעאָריעס, פילאָזאָפיעס און שיטות וועגן דער גרויסער מיסיע צו ראַטעווען די „קולטור פון מערב־אייראָפּע" (די אַבענדלענדישע קולטור בלע"ז). אין וואָרט און שריפט האָט מען געדרשנט, אַז דייטשלאַנד איז דאָס האַרץ פון אייראָפּע, באַפעלקערט פונם פלייסיקסטן אַרבעטזאַמסטן פאָלק פון דער גאַרער וועלט, אָנגעזאַפּט מיט חכמה, בילדונג און קולטור, און אַז ס'איז די מיסיע, אַ „געטלעכע שליחות" פונם דייטשן פאָלק צו קעמפן קעגן דער געפאַר, וואָס קומט פון מזרח, פונם קולטור־צעשטערערישן באַלשעוויסטישן מאָסקווע, פון די טאָטערישע האָרדעס פון אַזיע.

יאָ, מאָסקווע דאָס איז אַזיע . . . דאָס איז נישט נאָר בולט געקומען צום אויסדרוק אין די קאַמף־פּאַראָלעס פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטיש־מיליטאַריסטישע באַוועגונגען פון דער פאַר־היטלערישער עראַ, נייערט אויך אין די ווערק פון אָסוואַלד שפּענגלער, דעם גרעסטן דייטשן דענקער פון דער לעצטער עפּאָכע נאָך ניטשע (זע שפּענגלערס ווערק: „אונטערגאַנג פונם מערב" און „יאָרן פון אַנטשיידונגען").

שפּענגלער האָט שוין אינם יאָר 1929 געזאָגט: „מיר האָבן פאַר זיך מאָסקווע, פול מיט סודות, און פאַר דעם דענקען און פילן פונם מערב פאָל־שטענדיק נישט באַרעכנבאַר; מאָסקווע, וואָס איז זייט 1812 דער דעצידירנ־דיקער פאַקטאָר אין אייראָפּע, צו וועלכן זי האָט מלוכיש געהערט—זייט 1917 אַ מיסטעריע פאַר דער גאַנצער וועלט. דער נצחון פון די באַלשעוויסטן באַדייט

געשיכטלעך גאַנץ עפּעס אַנדערש, ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישער אָדער ווירט־שאַפטס־טעאָרעטישער שינוי. אַזיע האָט צוריק דעראָבערט רוסלאַנד, נאָכדעם אייראָפּע האָט עס געהאַט אַנעקסירט מיט דער הילף פון פעטער דעם גרויסן.״ („יאָרן פון אַנטשיידונגען״, דערשינען אין מינכען 1933).

צוזאַמען מיט דער באַוועגונג קעגן דעם ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט, אַ קאַמף, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט אַלע שיכטן, קלאַסן און פּאַרטייען פונם דייטשן פאָלק, זיינען אויפגעוואַקסן נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע גרופּירונגען און שיטות, וואָס האָבן אויפגענומען די אַלט־נייע פילאָזאָפיע פון דער גרויסער דייטשער מיסיע אין דער וועלט. די שטאַרקסטע פון זיי איז געוואָרן די היטלער־באַוועגונג, ווען מען לערנט ס׳איז אַריינגעדרונגען אין אַלע דייטשע מוחות אין און מחוץ דייטשלאַנד, אַפילו אין דייטש־אָפּשטאַמיקע באַפעלקערונגס־טיילן פון דרום־ און צפון־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אָפּגערעדט שוין פון די דייטשע מינדערהייטס־גרופּן אין פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן און פראַנקרייך.

טראָץ עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דעפּרעסיעס, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט אַרבעטסלאָזיקייט, אָרימקייט און עמיגראַציע, איז די דייטשע באַפעלקערונג געוואַקסן. דייטשלאַנד, אינם צענטער פון אייראָפּע, איז אויסגעוואַקסן צו אַן אָנגעשטאָפּטן אַרסענאַל פון מענטשלעכע כחות און ענערגיעס, וואָס זוכט אומעטום טעטיקייט, דראַנג און געוואַלט. עס זיינען צוגעקומען די פּאַראָלעס פון: פאָלק אָן רוים, די נויטיקייט פון עקספּאַנסיע, פון „אויפגאַבעס פון אַ העכערער אויסדערוויילטער ראַסע״. עס איז אויפגעשוווּמען דער שוין גוט־באַקאַנטער פּאַנגערמאַניזם מיט זיין אייביקער שנאה צום סלאַווישן מזרח און זיינע פעלקער, וועמען די השגחה פּרטית זאָל האָבן אויסגעקליבן צו זיין די משרתים און שקלאַפן פונם גערמאַנישן האַרן־פאָלק.

טיף אין זייערע הערצער ברענט די שנאה פון די אויסגעמושטערטע ווילדע באַרבאַרן: טויטאַנען, זאַקסן, פראַנקן און באַלטן צו אַזיע, פון וואַנען עס קומט אויך די נישט־צוגעפּאַסטע פּאַר זיי אמונה פון ליבע און באַרמהאַרציקייט, וואָס עפּעס לאַנד־פרעמדע אָפּאָסטעלן האָבן מיט דער הילף פון מעכטיקע הערשערס אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען. „דעם מוטיקן געהערט די וועלט!״ און בערלין ווערט דער צענטער אינם „קאַמף קעגן אַזיע״, קעגן מאָסקווע, קעגן דעם „יידישן באָלשעוויזם״, קעגן דער וועלט־קאָנספּיראַציע פונם „יידישן פריימוירערטום״, קעגן יידן אַלס יחידים און קאָלעקטיוו, קעגן אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט. אַטילאַ גורט אָן זיינע לענדן צום קאַמף קעגן מאָסקווע און ירושלים.

2

ירושלים

וואָס איז אַזוינס געווען ירושלים פֿאַר אונז, קינדער פֿון אַ ראַציאָנאַליסטישן צייטאַלטער? פֿאַר אונזערע זיידעס און טאַטעס איז ירושלים, די עיר הקדושה, געווען פֿאַרבונדן מיט דער אַמאָליקער הערלעכקייט פֿון אַ יידישן קעניגרייך, בית המקדש, עולה רגל זיין, קרבנות ברענגען, שפּילן און זינגען פֿון די לוויים, שמחת בית השואבה, און נאָך דעם צעפֿאַלן פֿון יידישער מלוכהשאַפֿט — מיט דער גרויסער מיסטישער און ראָמאַנטישער בענקשאַפֿט נאָך משיח, דערלייזונג און אויסלייזונג פֿון אַ שנאהדיקער וועלט פֿול מיט רציחות און פֿאַרפֿאָלגונגען.

אָבער מיר מאָדערנע מענטשן, אָנגעשטאָפּט מיט אַלע חכמות פֿון מיט־צייטלערישן פּראָגרעס, האָבן אין דער עקזיסטענץ און ווייטיק פֿון גלות נישט געגלויבט! די ליבעראַלע און סאָציאַלע אידייען און אידעאַלן פֿונם ניינצענטן יאָרהונדערט זיינען געוואָרן די אידעאַלן פֿון אַ פּראָגרעסיוון טייל פֿונם יידישן פֿאָלק אין דער גאַנצער וועלט. אונזער גלויבן און איבערצייגונג איז געווען, אַז אין דער היינטיקער מאָדערנער וועלט איז דער גורל פֿון אונזער פֿאָלק ענג פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון די פֿעלקער, מיט וועלכע און צווישן וועלכע מיר לעבן. אונזער אויפֿגאַבע האָבן מיר געזען: זיך אָנצושליסן אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פֿאַר פּראָגרעס, פֿרייהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם און צו ווערן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער מיט דעם גלייכן אַנטייל אין אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבנס־גיטער פֿון די פֿעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן.

פֿאַר גרויסע שיכטן פֿונם יידישן פֿאָלק איז ירושלים נישט מער געווען אַ לעבעדיקער באַגריף, אַ רעאַליטעט פֿון דער קעגנוואַרט אָדער אויסגעטרוימטע האָפֿנונג פֿאַר דער צוקונפֿט. ירושלים איז פֿאַר זיי נישט מער געווען ווי אַ שטיק „אַנטיקע" פֿון אַן אַלט אויסגעשטאָרבענער וועלט.

יאָרהונדערטער איז ירושלים, נאָך דעם חורבן בית שני, געווען דער שוי־פּלאַץ און טומל־פּלאַץ פֿונם אויפֿשטייג פֿון אַ נייער רעליגיע אינם נאָענטן מזרח, פֿון וואַנען זי האָט זיך אַלס עקספּאַנסיווער גייסטיק־רעליגיעזער און מיסטישער כח געצוימען, אויסשפּרייטן אינם מערב פֿון דער דעמאָלט ציוויליזירטער וועלט. זעקס הונדערט יאָר שפּעטער איז ירושלים אויך געוואָרן אַ הייליקע שטאָט פֿאַר דעם אויפֿשטייגענדיקן איסלאַם. אַראַבישע שבֿטים און הערשער האָבן געקעמפֿט זי צו פֿאַרכאַפּן. אינם צוועלפֿטן יאָרהונדערט און שפּעטער האָבן קריסטלעכע קרייץ־ציגלער אויסשטאַפּירט און אונטערגענומען שטראָף־עקספּעדיציעס צו באַפֿרייען דאָס „הייליקע ירושלים" פֿון די הענט פֿון די אומגלויביקע סאַראַצענער און מוסולמאַנער. ס'איז זיי נישט געלונגען. ירושלים

איז געווען און פאַרבליבן (אויך אונטער דער הערשאַפט פון די טערקן) ביז צום אויפקומען פונם נייצייטיקן יידישן נאַציאָנאַליזם, דעם ציוניזם, די וויג און מוטערשטאָט פון די דריי הויפּט־רעליגיעס אינעם אייראָפּייאישן קולטור־קרייז* און דעם נאָענטן מזרח.

מיט אַן ערך 30 יאָר צוריק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ירושלים געוואָרן די רעזידענץ־שטאָט פונם הויך־קאָמיסאַר פון מאַנדאַט־לאַנד פּאַלעס־טינע און דעם עמיראַט פון טראַנס־יאַרדאַן (עבר הירדן): ירושלים איז געוואָרן דאָס הויפּטקוואַרטיר פון אינטריגעס און דיפּלאָמאַטישע קונץ־שטיקלעך, וואָס האָבן זיך געשפּונען צו אַלע הויפּטשטעט פון דער אַראַבישער וועלט און דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, ווו די בריטישע אימפּעריע האָט געהאַט איינפלוס און מאַכט, וועלכע זי האָט געוואָלט אָנהאַלטן און אויסבויען. אין דעם דאָזיקן ירושלים האָט אַמאָל געהערשט מיט 1900 יאָר צוריק אינם נאָמען פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן אַ שטאַטהאַלטער אָדער פּראָקוראַטאָר לויט דער אַלטער רוימישער דעוויזע: טייל און הערשט.

לויט דער דאָזיקער דעוויזע האָט אויך רעגירט דער בריטישער הויי־קאָמישאָנער (הויך־קאָמיסאַר), אַ גוטער און געטרייער טשינאָווניק פונם קאָלאָניאַל־אָפּיס, וואָס שפּרייט אויס זיינע נעצן איבער אַלע בריטישע קאָלאָניעס, דאָמיניעס און באַזיצונגען אויפן גאַנצן ערד־קיילעך.

אַ גרויסער טייל פונם יידישן פאָלק האָט זייער ערנסט גענומען די הבטחות פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע וועגן שאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַל־היים אין דעמאָלטדיקן פּאַלעסטינע. פאַר דער דאָזיקער סעקציע פונם יידישן פאָלק האָט ירושלים אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ וויזיע, חלום און ענדציל פון משיחישער בענקשאַפט, און עס איז איצטער נישט מער די צייט אָפּצופּטרן דעם ציוניזם מיט אַ פּשוטער פראַזע אַלס אַ קליינבירגערלעכע און רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליס־טישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך איינגעשפּאַנט אָדער געלאָזט איינשפּאַנען אינם רייטוואָגן פונם אימפּעריאַליסטישן ענגלאַנד. געשיכטע און אַנטוויקלונגען האָבן מיט די יאָרן אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג. דער פאַקט בלייבט, אַז צום טראַץ פון אַלע הינדערנישן און שטערונגען מצב ענגלאַנד און זיינע באַהאַלטענע און אָפענע משרתים אינם נאָענטן מזרח (און דער קאַטוילישער וועלט), איז צווישן בליידע מלחמות אויסגעוואַקסן אין פּאַלעסטינע אַ גרויסער אויטאָנאָמער ישוב (אויטאָנאָם נישט אינם פּאָליטישן, נאָר אין עטנאָגראַפיש־פאָלקישן זין) מיט יידישע שטעט, דערפער און קבוצים.

אין די שטובן פון אונזערע זיידעס און טאַטעס האָט אויף די ווענט, איינ־געראָמט אין אַ גאָלדן רעמל, געהאַנגען מיט זילבערנע אותיות אויסגעקריצט אָדער גראַווירט דער פּסוק: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני.“ ווי אַזוי האָבן מיר דיך טאַקע געקאָנט פאַרגעסן ירושלים, און דיך אויסטוישן אָדער

---

* צום אייראָפּייאישן קולטור־קרייז ציילט דער מחבר אויך צו די צפון־אַמעריקאַנישע, לאַטיין־אַמעריקאַנישע און אויסטראַלישע לענדער און פעלקער.

וועלן אויסטוישן פאַר עפּעס אַנדערש, און אונז איינריידן, אַז דיין צייט איז פאַרביי, און אַז אַ נייע צייט זינגט אַ נײַ ליד פאַר אונז?!

האָט דאָך אפילו אַזאַ אַסימילירטע דייטש־יידישע דיכטערין פונם רהיינ־לענדישן עלבערפעלד, עלזע לאַסקער־שילער, לאַנגע יאָרן פאַר דעם גרויסן אומברוך און לעצטן יידישן חורבן געזונגען אין איר ליד „ירושלים":

„ווי ווינקט צו מיר דיין לעבן,
און מיט יסורים פון מיין האַרץ
איך פאַרגיי, פאַרוועלק;
פאַרגיי אין רוים פון וועלט און צייט און אייביקייט . . .
מיין נשמה פאַרברענט אין די אָוונט־פאַרבן פון ירושלים."*

אָבער וואָס פאַרשטייען דערפון קאָלאָניאַלע אַדמיניסטראַטאָרן און פּאָלי־טישע ספּעקולאַנטן, די שליחים פון אַ גרויסער אימפּעריאַלער מאַכט? זיי קענען גוט אַלע כיטרע פינעסן און שפּיצלעך פון דער דיפּלאָמאַטישער אינטריגע. זייער אימפּעריע איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימים און אָקעאַנען, אין מזרח, מערב, צפון און דרום — קיינמאָל איז די זון נישט אונטערגעגאַנגען אין די שטחים פון זייערע באַזיצונגען און טעריטאָריעס. זיי, די שליחים פון דער גרויסמאַכט, קענען זייערע פליכטן און אחריותן לגבאי זייער מוטערלאַנד. „טייל און הערש!", וואָס וואָלט בעסער געהייסן: „צעטייל און רעגיר!" צעשפּאָלט די קאָנטראַהענטן אין צוויי מחנות, נוץ אויס זייערע קעגנזאַצן און שוואַכקייטן, זאָג דעם עפּעס צו און אויך דעם צד שכנגד . . . זאָג די יידן צו אַ יידיש־נאַציאָנאַלע היים, און אין דערזעלבער צייט דערוועק ביי די אָפּגע־שטאַנענע אַראַבישע פעלקער און שבטים נאַציאָנאַלע אַמביציעס און אַספּיראַ־ציעס, אַליין וועלן זיי בילדן דעם דריטן כח, וואָס וועט העלפן אויסטראָגן זייערע מחלקות, און בשעת קאָנפליקטן אָפּוואַשן די אייגענע שולד און אומפּיי־איקייט מיט ריינעם פרישן וואַסער, ווי ס'האָט אַמאָל געטאָן דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס.

דאָס שפּילכל פון טיילן און הערשן איז זיי, די האַרן פונם בריטישן קאָלאָניאַל־אָפיס, מחמת פאַרשיידענע טעמים, נישט גאַנץ געלונגען. מיר זיינען נישט קיין איינגעבוירענע (נייטיווס בלע"ז) אָדער עפּעס אַ פּאַגאַניסטיש קאָלאָ־ניאַל־פאָלק אָן געשיכטע און טראַדיציע. אָפּלעבנדיק איבער טויזנט יאָר צווישן די אַזוי־גערופענע קולטור־פעלקער פונם מערב, קענען מיר אויך שוין אַלע „טריקס" און חכמות פון טעכניק, וויסנשאַפט און דיפּלאָמאַטיע. חוץ דעם האָבן מיר נאָך די טראַגישע געשייענישן פון די לעצטע יאָרן פאַרלוירן דעם גלויבן אינם יושר־ און גערעכטיקייטס־געפיל פון אונזערע אייראָפּייאישע שכנים. אַ גרויסער טייל פון דער שארית הפליטה האָט נישט מער געוואָלט לעבן אינם

---

* זי האָט איר חלום אויסגעבענקט. זי איז אַלס זקנה געקומען צו קבורה אויפן הר הזיתים.

אַזוי־גערופענעם אייראָפּיאישן קולטור־קרייז. זיי האָבן געהאַט איין לעבנס־ציל: ירושלים, סימבאָל אוןווירקלעכקייט פאַר היינט און פאַר מאָרגן.

דעמאָלט האָבן די בעסטיאַלישע האָרדעס פון מאָסקווע און אַזיע, די סטאַלינס און בעריאַס און זייערע משרתים נאָך נישט געהאַט עלימינירט דעם גרויסן יידישן ישוב פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אָדער די רוצחים און קאַבינאַלן פון בערלין און מינכן, ווין און קעניגסבערג, דאַנציק, אָכען און מאַגדעבורג, פון האַנס זאַקסענס נירנבערג, פונם הייליקן קעלןביים רהיין און דער אַמאָליקער רש״י־שטאָט וואָרמס האָבן פאַרשניטן אַ דריטל פון אונזער פאָלק. האָבן מיר געגלויבט, אַז פאַר די געבליבענע רעשטלעך וועט זיין אַן אָפענע היים, און אַז גרויס־בריטאַניע, דאָס לאַנד פון דער אַזוי באַמבאַסטיש־געלויבטער באַלפור־דעקלאַראַציע, וועט אין דער צייט פון אונזער גרעסטער נאַציאָנאַלער נויט, אינם נאָמען פון מענטשלעכער חשיבות זיך אָפּזאָגן פון דער אַלט־באַקאַנטער שעדלעכער פּאָליטיק פון אַפּיזמענט, און עפענען די טויערן פון פּאַלעסטינע פאַר די רעשטלעך פונם אייראָפּיאישן יידנטום און די אַנדערע פאַרפאָלגטע יידישע ישובים. אָבער ניין! די ענגלענדער האָבן געשאַפן די אַראַבישע ליגע, יענעם פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן ממזר, וואָס פּלאָנטעוועט זיך זיי צווישן די פיס, און האָט געזאָלט בילדן אַ דריטן כח קעגן אַ געוויסן שונא.

אין דער לעצטער מלחמה האָבן יידן גרויסע אויפגעטון אין די אַרמייען פון די אַליאירטע. די פעלקער פון דער אַראַבישער ליגע זיינען געווען כלומרשט נייטראַל. אין אמתן האָבן זיי געהאָפט און געוואַרט (און אָפן און געהיים אינטריגירט קעגן די מערב־דעמאָקראַטיעס) אויף אַ נצחון פון נאַצי־פאַשיסטישער אַקס. נאָך דער מלחמה זיינען זיי באַלוינט געוואָרן ערשטנס דערמיט, וואָס מען האָט זיי באַלד אַריינגענומען אַלס פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין דער „אונאָ״, און צווייטנס האָט מען זיי דערלויבט, און אונטער בעווינס אויסערן־מיניסטערשאַפט דערמוטיקט, אַנטיילצונעמען אין דער מלחמה קעגן דעם קליינעם יידישן ישוב, בלאָקירן די אַלט־שטאָט ירושלים, צעשטערן די ברונעמס און וואַסער־פאַרזאָרגונג פון דער שטאָט; אויסהונגערן זקנים, פרויען און קינדער, וואַנדאַלירן און פאַגראַמירן דאָס גיגאַנטישע אויפבוי־ווערק פון צוויי דורות.

ווען דאָס איז געשייען, האָבן אין ענגלאַנד רעגירט אונזערע „פריינט״, די ענגלישע לאַבאָריסטן, די יורשים פון די גרויסע ליבעראַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אידייען פון די לעצטע זעכציק־זיבציק יאָר. זייערע פּלענער און זייער קאַמף קעגן אונז האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. ירושלים — סימבאָל און ווירקלעכקייט פון יידישע האָפנונגען — האָט נישט נאָכגעגעבן. ירושלים און דער ישוב קענען נישט און וועלן נישט נאָכגעבן.

3

עס רופט בערלין

בערלין . . . בערלין . . . מען שרייבט דאָס יאָר 1948.

זייט עטלעכע חדשים שרייען אַראָפּ מיט גרויסע אותיות פון אַלע אָרגאַנען אין דער וועלט־פּרעסע די ווערטער: בערלין, בערלין; בערלין און מאָסקווע (מער פון ביידע: בערלין). און עס דערמאָנען זיך די צייטן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען וויליאַם דזשאָיס, באַקאַנט מיט זיין צו־נאָמען לאָרד האַ־האָ, פלעגט ריידן אויפן בערלינער ראַדיאָ צו דער בריטישער באַפעלקערונג: „דזשערמעני קאָלינג! דזשערמעני קאָלינג!"

„דזשערמעני קאָלינג!" בערלין איז דעמאָלט געוואָרן דער צענטראַל־פּונקט פון דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק. אַזוי האָט זיך די לאַגע אַנטוויקלט. ערשט אַ פּאָר יאָר נאָך מאַסן־מאָרד און שחיטות. די חורבות זיינען נאָך נישט געוואָרן צוריק אויפגעבויט, וונדן נאָך נישט אינגאַנצן פאַרהיילט, הונדערטער־טויזנטער היימלאָז, אויסגעוואָרצלט, פאַרוואָרלאָזט און פאַרוואָגלט, מיליאָנען מענטשן פאַרברענט און פאַרטיליקט אין קרעמאַטאָריעס און קאַלך־אויוונס. די רוצחים אַלס קאָלעקטיוו האָבן קיין חרטה נישט אַרויסגעוויזן, קיין תשובה נישט געטאָן. אַ קריסטלעך־ציוויליזירטע וועלט וויל אַלץ פאַרגעסן, אַפּווישן, זיך איבערבעטן מיטן שונא פון נעכטן, ווי גאָרנישט בייזעס וואָלט געשייען.

„דזשערמעני קאָלינג!" בערלין, בערלין, בערלין! דער נאָמען פון דער דאָזיקער הור האָט אונז געגוג געגרילצט אין די אויערן. טעלעגראַפן־אַגענטורן, ציטונגס־רעדאַקטאָרן און לייט־אַרטיקל־שרייבער אין די מערב־לענדער — אַלע האָבן אונז געוואָלט איינריידן, אַז אין בערלין ליגט דער שליסל פונם אייראָפּיי־אישן שלום, און טאָמער זאָל חלילה מאָסקווע נישט נאָכגעבן און ווייטער בלאָקירן דעם מערב־סעקטאָר פון בערלין, איז דער גאַנצער אייראָפּייאישער מערב אין אַ סכנה און אַ מלחמה איז אומפאַרמיידלעך.

די וועלט איז אָנגעפילט מיט צופיל ליידנשאַפט, היסטעריע דאָמינירט די שעה פונם טאָג. עס זעט אויס, אַז עס איז נישטאָ דער רופא מיטן קלאָרן בליק, וואָס זאָל קענען די פון היסטעריע פאַרכאַפּטע וועלט היילן. און אַזוי ווי כמעט די גאַנצע פּרעסע איז אויך געווען פאַרכאַפּט פון דער היסטעריע, איז קוים געווען אין דער גאַנצער וועלט אַ „פּאָליטישער דאָקטאָר", וואָס זאָל שטעלן אַ קלאָרע שכלדיקע דיאַגנאָזע און ווייזן אַ וועג פון היילונג אָן אַ כירורגישן איינשניט.

און אין געוויסע קרייזן האָט מען אַזוי פּראָסט און פּשוט גערעדט וועגן אַ דריטער וועלט־מלחמה, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַן עקסקורסיע אין אַ שיינעם זונטיק פרימאָרגן.

מאַנכע, וואָס זיינען נישט אינגאַנצן פאַרכאַפּט געווען פון דער לײדנ־שאַפטלעכער היסטעריע, נאָר באַהערשט פון באַשטימטע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זיינען גענויגט צו מאַכן פאַרגלייכן, אויפצושטעלן טעאָריעס און ציען פּאָליטישע פּאַראַלעלן. אויך זייער צוגאַנג קען זיין אַ געפאַר פאַר דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער סאַנירונג פון דער וועלט און פאַרן אָנהאַלטן פון שלום.

נאָך פריש אין זכרון זיינען אונדז די טעאָריעס פונם אויפגעבלאָזענעם מוסאָלינישן פאַשיזם וועגן דער גרויסער מיסיע פון די „נעאָ־ראָמאַנער" אַרום די שטחים פונם מיטל־לענדישן ים (ים התיכון) אויף פּאָליטישן, ציוויליזאַטאָרישן און קאָלאָניזאַטאָרישן געביט; אַז די היינטיקע איטאַליענער זיינען די באַגלויביקטע יורשים פונם אַמאָליקן אַנטיקן רוימישן אימפּעריום, וואָס האָט זיך געצויגן פון אפרת אין פּאַדער־אַזיע ביז צו די ברעגעס פון דער טעמזע, און פון די נידער־זאַקסישע פּראָווינצן אין וועסטפּאַלן ביז טיף אין די מדבריות פון דער וויסטעניש אין סאַהאַראַ; אַז די לאַטיינישע פעלקער אַרום דעם ים התיכון זיינען קולטור־שאַפעריש און די אייגנטלעכע בויער פון דער היינטיקער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע און קולטור, און אַז דאָס איטאַליענישע פאָלק איז די עליטע פון אַלע לאַטיינישע פעלקער, וואָס וועט אויסבויען זיין מאַכט אַרום דעם גרויסן מיטל־לענדישן ים־ברעג, ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס לעבן פון דער ציוויליזירטער וועלט פון דריי ערד־טיילן איידער דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. דער ים התיכון האָט געזאָלט ווערן אויסשליסלעך אייגנטום־באַזיץ פון די איטאַליענער: מארא נאסטרא — „אונזער ים".

מיר האָבן נאָך נישט פאַרגעסן די כמעט „קאַנאָניזירטע" טעאָריעס פונם נייעם פּאַן־גערמאַניזם, אַז נאָר די נאָרדישע פעלקער זיינען געווען קולטור־שאַפנדיקע פאָלקישע איינהייטן: די וויקינגער — פּיאָנערן פון דער וועלט־שיף־קאָמוניקאַציעס; די פעניציער אין דער לעוואַנטע זאָלן זיין געווען גערמאַנער; דיכטונג, פילאָזאָפיע און בילדהויעריי אינם אַנטיקן אַטען און אינם גאַנצן יאָנישן גריכנלאַנד זיינען געווען דאָס קולטור־ווערק פון גערמאַנישע שבטים; די שאַפונג און אַנטשטייאונג פון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע איז נאָר געווען מעגלעך מיט דער הילף פון גערמאַנישע שבטים, און אַז די גרויסע קאַמפן צווישן פּאַטריציער און פּלעבייער אינם אַנטיקן רוים זיינען נישט געווען קלאַסן־מחלוקות צווישן פּריווילעגירטע אַריסטאָקראַטן און דער רעכטלאָזער פּאָלקסמאַסע, נאָר אַ קאַמף פון אַ העכערער ראַסע קעגן אַ נידריקער. זיי זיינען נאָך ווייטער געגאַנגען. מען האָט אויסגעטראַכט אַ סברה, און זי „היסטאָריש" באַגרינדעט און באַוויזן, „אַז די גלילים (די גאַליליייער) זיינען געווען אַן אַרישער שבט, און אַז ישו פון נצרת, דער „ריין־אַריער" מיט בלאָנדע האָר און באָרד, האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער פאַרדאָרבנקייט פון דער יידישער ראַסע אין זיין צייט.

מיר זעען, אַז ווען מען וויל עפּעס אויפטאָן, שאַפט מען אַ סברה, און פון דער סברה — אַ טעאָריע. אַזוי איז עס געווען מיט די סברות אין דער צייט פון

די אַלגעמיינע וואַלן אין אַפּריל 1948 אין איטאַליע, די גאַנצע מערב־דעמאָקראַ־טישע פּרעסע האָט ווי איין מאַן געבלאָזן אין פּאַנפּאַרן און טראָמפּייטן: דער שלום פון דער וועלט הענגט אָפּ פונם רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן. טאָמער זיגט חלילה וחס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט די נעני סאָציאַליסטן, מוז אויס־ברעכן אַ מלחמה. אַמעריקע האָט געסטראַשעט מיט דער בייטש און דעם צוקערל: „וועסטו זיין אַ ווויל יונגל, וועסטו באַקומען מיליאָנען דאָלאַרס מאַרשאַל־הילף', ווען נישט — קענסטו אונזער כח, וכו' . . . וועט איזאָלאַציע, הונגער און נויט הערשן אין איטאַליע". פּאַרן אויבערפלאַכלעכן קענער פון דער לאַגע דעמאָלט איז עס געווען קלאָר, אַז די קאָמוניסטן האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט באַקומען אַ מערהייט און אַזוי אַרום פאַרכאַפּן איטאַליע. די קאַטאָליקן (קריסטלעכע דעמאָקראַטן) און די געמעסיקטע אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן באַקו־מען אַ מערהייט. צו אַ מלחמה איז עס נישט געקומען, אָבער אינם בירגערלעך־רעגירטן איטאַליע מיט דער גאַנצער פריינטשאַפט פון לאָנדאָן און וואַשינגטאָן און די קלינגעדיקע מיליאָנען פון מאַרשאַל־אייד האָט טראָצדעם געהערשט אַרבעטסלאָזיקייט, עלענט און נויט ($2\frac{1}{2}$ מיליאָן מענטשן זיינען דעמאָלט געווען אָן אַרבעט אין איטאַליע).

אין דער זעלבער צייט פונם איטאַליענישן וואַל־קאַמף האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרבערייטונגען פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט צו עוואַקויִרן פּאַלעס־טינע. היינט ווייסן מיר וואָס זייערע כוונות זיינען געווען. לינקע פּאַרטיי־בלעטער, וועלכע שטייען נאָענט צו דער דעמאָלטיקער לייבאָר־רעגירונג, ווי דער „ניו סטייטסמען ענד ניישן" און דאָס זונטיק־בלאַט פון די קאָ־אָפּעראַטיוון, די „ריינאָלדס ניוס", האָבן אָפן און בולט געזעדט, אַז די חכמים עצה־געבערס פונם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום (פאָריין אָפיס) האָבן געגלויבט, אַז ווען זיי וועלן אַרויסציען זייערע טרופּן פונם מאַנדאַט־געביט ארץ ישראל, וועט אַבדולאַהס אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון בריטישע אָפיצירן, מיט דער הילף פון די אַנדערע זעקס אַראַבישע מלוכות „אַריינטרייבן די יידן אין ים אַריין". פאַקטיש האָבן די דאָזיקע צוריקגעשטאַנענע און שלעכט רעגירטע מלוכות אונטער זייערע פוידאַלע און דיקטאַטאָרישע הערשערס באַוויזן צו זיין אָן ממשות פונם מיליטערישן שטאַנדפונקט, נאָר די בריטישע לעגיאָן, אויס־שטאַפירט פון ענגלאַנד, האָט „פאַרהעלטניסמעסיק גוט געקעמפט."

„די יידן, כאָטש זיי זיינען אין אָנהויב געווען זייער אָרעם באַוואָפנט, האָבן באַוויזן, אַז אינטעליגענץ און גלויבן אין אַן אידייע קען שאַפן גוטע זעלנער." (ציטאַט פון „לאָמיר אָנהויבן פון אָנהויב אין פּאַלעסטינע" פון ה. נ. ברייִלספאָרד אין „ריינאָלדס ניוס", זונטיק 19.9.1948).

מיר ווייסן, וואָס זייערע כוונות זיינען געווען, און מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זיינען געווען מענטשלעך, עטיש און הומאַניטאַר. די מאַנדאַט־מאַכט האָט געוווּסט, אַז נאָך זייער מיליטערישער עוואַקואַציע וועלן די אַראַבישע פעלקער קומען צו אַן אָפענעם קאָנפליקט און מלחמה מיטן יידישן ישוב. וועט דער אַראַבישער צד זיגן, דאַן וועט די ענגלישע פּאָזיציע אינם דאָזיקן ווינקל פון

נאָענטן מזרח זיין געזיכערט. טאָמער נישט, קען זיין, אַז די וועלט וועט וועלן פאַרמיידן אַ גרויסן קאָנפליקט און וועט ענגלאַנד בעטן צו זיין דער רודף־שלומניק אָדער שאַפן אָרדנונג.

די פרעסע־קאָמפּאַניע איז געווען אַן ענלעכע, ווי ביי די איטאַליענישע וואַלן: אַז פון דער אַנטוויקלונג און די געשעעינישן אין ארץ ישראל איז אָפּהענגיק דער שלום פון דער וועלט.

אין דער זעלבער צייט איז אויפגעשווומען די פראַגע פון דייטשלאַנד, דאָס וועלן שאַפן אַ דייטשע צענטראַל־רעגירונג אין מערב־דייטשלאַנד, באַזעצט פון גרויס־בריטאַניע, אַמעריקע און פראַנקרייך, דער טראַנספּאָרט־ און וואַלוטע־קאָנפליקט פון דער דריי־זאָנע אין בערלין. כמעט די גאַנצע וועלט־פּרעסע פון די דעמאָקראַטיעס האָט געהאַלטן אין איין שרייען: בערלין, בערלין, בערלין! פון דער אַנטוויקלונג אין בערלין הענגט אָפּ דער שלום פון דער וועלט, און טאָמער וועט רוסלאַנד נישט נאָכגעבן אין דער טראַנספּאָרט־ און וואַלוטע־פראַגע פון מערב־דייטשלאַנד און בערלין, איז אַ מלחמה אומפאַרמיידלעך.

אין דער דאָזיקער היסטעריקע זיינען זיי אַלע געווען באַטייליקט, אפילו אַ גרויסער טייל פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער און בירגערלעך־דעמאָקראַטישער פּרעסע. די פּרעסע האָט געלעבט פונם נעגאַטיוון, מיט זידלען און שרייען, וואָס עס קומט פאַר אויף יענער זייט עלבע. בערלין און דייטשלאַנד האָבן זיך געפילט אין דער ראָלע פון דער באַעוולהטע. אונדזער שוין צו היסטעריש מיט־שרייען אינם אַלגעמיינעם כאָרוס דאַמאָלט,, איז געווען אַ באַליידיקונג פאַר אונדזער היינט און נעכטן און די מיליאָנען קדושים, די קרבנות פונם נאַצישן פאַשיזם פונם נעכטיקן בערלין און דייטשלאַנד.

עס זעט אויס, אַלס אויב אסוואלד שפּענגלער, דער טעאָרעטיקער פונם „פּרייסישן סאָציאַליזם" און פּריידיקער פון דער ווייסער רעוואָלוציע (די רע־וואָלוציע פון די ווייסע פעלקער קעגן דעם אויפשטייגן פון די אַזיאַטישע און אַנדערע פאַרביקע פעלקער) איז געוואָרן דער זיגער פון היינטיקן טאָג. פאַר אים איז מאָסקווע אַזיע. דאָרט ליגט די געפאַר, און אַ פּריש־פּריילעכע מלחמה איז אַ שטיקל שפּאַצירגאַנג אין אַ נייער צוקונפט.

און לאָמיר אַלס יידן קלאָר באַטאָנען, אַז מיר האָבן מיט די אַלע סברות, טעאָריעס און קאָמבינאַציעס גאָרנישט צו טאָן, ווייל די דערמאָנטע סברות, היפּאָטעזן, קאָמבינאַציעס און געשאַפענע קאָנאַניזירטע" טעאָריעס, אַז אין בערלין קען ליגן דער שליסל פון שלום פון דער גאַנצער וועלט אָדער דער מערב־אייראָפּייאישער קולטור און ציוויליזאַציע, איז אַ גרויסער ליגען שוין דערפאַר, ווייל ערשט נעכטן איז בערלין געווען דער צענטער פון צעשטערונג פון דער „קריסטלעך־אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע", פאַר וועלכער אַמעריקע לייגט איין אַ וועלט, און ערשט די „אַזיאַטישע האָרדעס" פון מאָסקווע, טולא און טורקעסטאַן מיט דער הילף פון די אַליאירטע טורפן האָבן אויסגערויכערט דאָס געוויסנסלאָזע רויבער־נעסט פון היטלער, הימלער, געבעלס און גענאָסן. סיסטעמאַטיש און לאַנגזאַם האָבן געוויסע קרייזן געאַרבעט און אַרבעטן

כסדר פאַר פולער רעהאַביליטירונג פונם דייטשן פאָלק. און מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז זיי, די דייטשן, נישט געלונגען. שוין אין 1948 האָט סער ברייען ראָבערטסאָן, דער הויפּט־קאָמאַנדער פון די בריטישע חיילות אין דייטשלאַנד, געזאָגט, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז אַ ציוויליזירט און קריסטלעך פאָלק, און אַז עס זיינען נישטאָ קיין שום מניעות נישט צו האָבן קיין באַציאונגען מיט זיי. קיינמאָל אין זייער לעבן זיינען די דייטשן נישט געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין ענגלאַנד, און גאַנץ, גאַנץ באַזונדערס אין אַמעריקע, ווי אין דער צייט אינם קאַמף פאַר בערלין. די וועלט לעבט אין א טעות, ווען זי מיינט, אַז אַזאַ מין פּאָפּולאַריטעט פון די דייטשן (און פאַלשער אויסטייטש פון דער לאַגע) וועט דינען דעם שלום. די דייטשן זעען זיך אַלס פאָלק אינם מיטלפּונקט פון אַלע וועלט־געשייעניש. זייענדיק פאַרביטערט וועגן די גרויסע מפּלות אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, וועלן זיי מיט אָפענע אָרעמס אויפנעמען יעדן איינעם אַלס שותף, וואָס וועט זיי צוזאָגן די רעסטאַווראַציע פון אַ געאייניקטן דייטשלאַנד, אפילו אויף דער געפאַר פון אַ מלחמה מיט רוסלאַנד און פּוילן.

די זאַך האָט דאָך אַ נאָמען: דייטשער רעוויזיאָניזם. און דייטשער רעוויזיאָניזם הייסט: צוריקבאַקומען אָדער מיט געוואַלט צוריקנעמען די דייטשע מזרח־פּראָווינצן, וואָס זיינען איינגעקערפּערט געוואָרן אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. ביי די דייטשן וואַקסט אייביק דער אַפּעטיט ביים עסן, ווי דאָס איז בולט פון זייער עקספּאַנסיאָניסטישער ליטעראַטור צווישןביידע וועלט־מלחמות און די לעבעדיקע באַווייזן פון זייערע ברוטאַלע מלחמה־אַקציעס און דעראָבערונגען ביז צו זייערע מפּלות אין 45־1944. דאָס דייטשע פאָלק גלויבט צו שטאַרק אין כח פון מלחמה. היינט קען מען פאַרשפּילן, און מאָרגן קען מען געווינען. עס ווינקען און שמייכלען פון אַלע זייטן בונדעס־גענאָסן, און ווען ס'וועט קומען די צייט, איז אטילא גרייט צו אַ נייעם קאַמף.

4

האלט אייך גרייט!

„צווישן די סקולפּטורן פון געטער און געטינעס, וועלכע פּאַרווײַלן זיך דאָרט (אויף דעם אָלימפּ אין גריכנלאַנד א.פּ.) בײַ נעקטאַר און געטערשפּײַז זעה איר אַ געטין, כאָטש זי איז אַרומגערינגלט פון פרייד און שפּיל, איז זי אָנגעטאָן אין אַ פּאַנצער, טראָגט אַ העלם אויפן קאָפּ און האַלט אַ לאַנגן שפּיז אין דער האַנט.

„דאָס איז די געטין פון חכמה."

אַזוי שליסט אָפּ היינריך היינע זיין שריפט „צו דער געשיכטע פון רעליגיע און פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד", געשריבן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אין פראַנקרייך פאַר די פראַנצויזן. ערשט שפּעטער האָט ער דאָס ווערק פאַרעפנט־לעכט אויך אין דייטשלאַנד פאַר זיינע לאַנדסלייט, די דייטשן.

די אַנטוויקלונג האָט אין דייטשלאַנד אָנגענומען פאָרמען, וועלכע דער קליגסטער האָט נישט געקענט דערוואַרטן צום סוף פון דער לעצטער מלחמה בעשת דעם דייטשן צוזאַמענברוך. מען קען זען, ווי רעכט היינע איז געווען, ווען ער האָט אין זיין צייט געוואָרנט פראַנקרייך קעגן זיינע אייגענע לאַנדסלייט.

די געשייעניש איגם צווייטן פערטל פון אונזער יאָרהונדערט האָבן אונז געלערנט, אַז דער קריסטלעכער צלם איז נישט מער געווען, ווי אַ טאַליסמאַן, וואָס האָט געהאַלטן די בלוטדורשטיקע גערמאַנען אין צוים, און אַז די „לערע פון ליבע און באַרמהאַרציקייט" איז קיינמאָל ניט טיף אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער און נשמות.

אטילא איז אייביק גרייט אָנצוגורטן זיינע לענדן צו אַ נייעם קאַמף, און ער געפינט אין צייט פּריוויליקע העלפּערס און פאַרבינדעטע. און ווי דער שטייגער איז אין דער מאָדערנער ציוויליזירטער וועלט, איז דאָס וואָרט, דאָס געזאָגטע און געדרוקטע, ראַדיאָ און פרעסע, דער אַוואַנגאַרד און צוגרייטער אין דער קאַמפּאַניע צו רעהאַביליטירן דייטשלאַנד און דאָס דייטשע פאָלק.

מיט יעדן געוווּנענעם שריט ווערט דער שונא פון נעכטן, די מערדער פון אונזער פאָלק, מער און מער רעהאַביליטירט, און מיר יידן, די געליטענע און באַעוולהטע, ווערן צוריקגעשטויסן אין דער דעפענסיווע אָדער פאַרלירן אפילו מאָראַלישן גרונט, און ווערן דער שפּיל־באַלעם פון די גרויסע כחות, וועלכע קעמפן איינער קעגן דעם צווייטן.

אין ציריך אין דער שווייץ דערשיינט „די וועלטוואָכע", אַן אָנגעזעענע און ווייט פאַרשפּרייטע וואָכנצייטשריפט, געווידמעט פּאָליטיק, ליטעראַטור און אַלגעמיינע פראַגן מיט דעם אונטערטיטל „אומאָפּהענגיקע שווייצאַרישע

אומשוי". אַט דער דאָזיקער אָרגאַן האָט אין זיין אויסגאַבע פון 5־טן מאַי, 1948, פאַרעפנטלעכט אַ לייטאַרטיקל מיטן נאָמען „די טראַגעדיע פונם ציוניזם". דער מחבר האָט געהאַט אַ באַשטימטע כוונה, קלייבנדיק זיין טעמע. מן הסתם האָט ער דעמאָלט, צען טעג פאַר דעם אַרויסמאַרש פון דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט פון פאַלעסטינע געגלויבט, אַז דער געוואַלטיקער כח פון דער אַראַבישער ליגע מיט דער הילף פון די „פּראָגרעסיווע" כחות פון דער לייבאָר־פּאַרטיי־רעגירונג וועט פאַרניכטן די ניי־געבורט פון אַ יידישער מלוכה. צוויי וואָכן שפּעטער, דאָס הייסט אַ וואָך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, און נאָכדעם ווי דאָס קליינע לענדעלע האָט באַוויזן, אַז עס איז בכח זיך אַקעגנצו־שטעלן דעם מעכטיקן פאַנאַטישן בלאָק פון דעם פּאָליטישן ממזר, וואָס רופט זיך אַראַבישע ליגע, האָט די דערמאָנטע צייטשריפט פאַרעפנטלעכט אַ צווייטן לייטאַרטיקל (אויך געשריבן פונם האַר שעף־רעדאַקטאָר) וואָס בלאָזט שוין אַנדערע טענער. ס'איז שוין נישט מער „די טראַגעדיע פונם ציוניזם". די נצחונות פון די ישראלים האָבן דעם אַרטיקל־שרייבער פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און ער סערווירט שוואַרץ אויף ווייס פאַר די גרויסע מחנה פון זיינע לייענער אַנווייזונגען, וואָס זאָלן פירן ירושלים און, להבדיל, בערלין צוזאַמען קעגן מאָסקווע.

דער שרייבער נעמט אַרום אַלע דעמאַרשעס, וועדונגען און דיפּלאָמאַטישע קונץ־שטיקלעך פון די מערב־מלוכות נאָך מאָסקווע, פון מאָסקווע צוריק צו זיי, און דעם באַקאַנטן אָפענעם בריוו פון סטאַלין צום פּראָגרעסיוון דעמאָקראַט הענרי וואַלאַס, דעם מחבר פון „דער יאָרהונדערט פונם פּשוטן פאָלק" (דהי סענטשורי אָוו דהי קאָמן מען), און קומט צום שלוס, אַז די רוסישע אומרו־איקייט איז אַ גוט צייכן. כאָטש זיי, די רוסן, זיינען נישט געניגט נאָכצוגעבן אין קיין שום פּונקט, זיינען זיי דאָך גרייט צום פאַרהאַנדלען, וואָס באַווייזט, אַז זיי ווילן נישט קיין מלחמה.

איבערגייענדיק צו אַנדערע קאָנפליקט־שוואַנגערע פּראָבלעמען, זאָגט דער מחבר, אַז ווען מען וואָלט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַר זייער אונטערגאַנג דערציילט היטלערן און געבעלס, אַז באַלד נאָך זייער טויט וועלן דייטשן און יידן ווערן אויפגערופן, ווען אויך נישט געמיינזאַם, דאָך פּאַראַלעל, זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אָנגריפן פון מזרח־פעלקער, וואָלטן זיי דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקענט.

אינטערעסאַנט פאַרן לייענער וועט זיין דער פאָלגנדיקער שטאַנדפּונקט:

„דאָס אייגנאַרטיקע און אין אַ טיפערן זין היסטאָריש באַדייטנדיקע אינם קאַמף קעגן די רוסן פאַר בערלין באַשטייט אין דעם, אַז עס האַנדלט זיך פיל ווייניקער אין אַ קאַמף פון די אַמעריקאַנער קעגן דעם מזרח — ס'איז מער אַ קאַמף פון די דייטשן פאַר זייער הויפּטשטאָט און דעם סימבאָל פון זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ."

ווייטער זאָגט דער אַרטיקל־שרייבער, אַז אויסערלעך געזעען זיינען עס טאַקע די אַמעריקאַנער וואָס פירן אָן דעם דאָזיקן קאַמף, אָבער באמתדיק זיינען

עס די דייטשן, וועלכע צווינגען זיי דעם קאַמף צו פירן. מיט דעם וואָס די דייטשן וועלן לכל הפחות אידייעל בערלין מאַכן פאַר זייער הויפּשטאָט און אַ סימבאָל פון זייער איינקייט, קענען זיך די אַמעריקאַנער נישט מער דערלויבן אויפצוגעבן די דייטשע רייכסהויפּטשטאָט, זיי וואָלטן ביי די דייטשן נאָך געקענט פאַרלירן זייער גאַנצן פּרעסטיזש.

און אַזוי, מיינט ער, איז דער קאַמף פאַר בערלין געוואָרן אַ ווייטגייענדיקער קאַמף אַרום דייטשלאַנד און אַן אַנטשיידנדיקער אייראָפּייאישער פּאָזיציע, וועמענס מפּלה עס קען ווערן געפערלעך נישט נאָר פאַר די מערב־מלוכות אין אייראָפּע, נאָר אויך פאַר די פּאָזיציעס פונם מערב אין דער וועלט.

דאָס זעלבע, מיינט „די וועלטוואָכע", גילט אויך, ווען אויך מיט אַנדערע אַספּעקטן, פון ירושלים. מען קען דיסקוטירן, מיינט דער לייט־אַרטיקל, וויפיל מען וויל איבער די לעגאַלע רעכט פון די יידן אויף ירושלים, „אַ פאַקט בלייבט, אַז קולטורעל און היסטאָריש געהערן די יידן צו אייראָפּע, און, אַזוי אַרום געזען, איז זייער הויפּשטאָט ירושלים אַן אַנטשיידנדיקע אייראָפּייאישע שטאָט. אויסער דעם האָבן די יידן אַ רעכט צו ווערן געשטיצט אינם קאַמף פאַר זייער הויפּשטאָט און פאַלקסטום, ווייל דער אייראָפּייאישער מערב האָט בנוגע די יידן גוטצומאַכן אַ גרויסן חוב."

„עס איז נאַטירלעך איינפאַך און ביליק צו זאָגן, אַז נאָר היטלער און די נאַציס זיינען שולדיק אין דער פאַרטיליקונג פון די יידן אין די לעצטע יאָרן." די הויפּטשולד טרעפט די וואַנזיניקע טעאָריעס, אָבער אייראָפּע און אַמעריקע זיינען מיטשולדיקע, ווייל די מערב־מלוכות האָבן צו לאַנג געהאַלטן זייערע אויגן געשלאָסן פאַר דער היטלעריסטישער געוואַלט־פּאָליטיק. זיי האָבן מיט זיי געהאַנדלט און געשלאָסן אָפּמאַכונגען, ווי מיט מערב־אייראָפּייאישע מענטשן מיט גוטע מדות.

איצטער קומט דער מחבר ק.פ.ש. (ראשי תיבות פון קאַרל פאָן שומאַכער) צו קוריאָזע שלוס־פאָלגונגען. ער זאָגט: „דעריבער זיינען עס היינט מערב־אייראָפּע און אַמעריקע שולדיק לגבאי די דייטשן און די יידן צו לייסטן אַן אַנטשיידנדיקן ביישטייער צו דער פאַרטיידיקונג פון זייערע ביידע הויפּשטעט, און אויך פאַר זייער פאָלקסטום. ווי שוין געזאָגט,ביים קאַמף פון שטעט, ווי בערלין און ירושלים, גייט עס נישט בלויז וועגן דערפילן פאַרפליכטונגען, וואָס מען האָט קעגנאיבער צוויי פאַר אייראָפּע אַזוי וויכטיקע פעלקער, ווי עס זיינען די דייטשן און די יידן. איבער אַלעם גייט עס וועגן דער פאַרטיידיקונג פון וויכטיקע אייראָפּייאישע פּאָזיציעס, וועלכע צו האַלטן איז אַזוי וויכטיק פאַר דער וועלט פון היינט, ווי עס איז געווען אינם 17־טן יאָרהונדערט וויכטיק צו פאַרטיידיקן ווין קעגן דעם אַריינמאַרש פון די טערקן". און ער מיינט, אַז עס מוז קומען צו אַ טיף־אינערלעכער איבערבעטעניש „צווישן צוויי פונדאַמענטאַל טיף־אייראָפּייאישע פעלקער, ווי עס זיינען די יידן און די דייטשן."

און, פירט ער ווייטער אויס, איז עס היינט לייכטער און מעגלעכער, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. שוין דעמאָלט האָט היינע, דער גרויסער דייטש־

יידישער דיכטער, געוויזן אַ וועג צו דער גרויסער פאַרשטענדיקונג אין זיין „איטאַליענישער רייזע.“

לייענט נאָך אַמאָל דעם געבראַכטן ציטאַט פון דער „וועלטוואָכע“, אַז אויסערלעך געזעען זיינען עס טאַקע די אַמעריקאַנער, וואָס פירן אָן דעם דאַזיקן קאַמף אַרום בערלין, אָבער באמתדיק זיינען עס „די דייטשן, וועלכע צווינגען זיי דעם דאָזיקן קאַמף צו פירן.“ די לאַגע איז היינט אַזעלכע, אַז די זיגער פון נעכטן האָבן פאַרלוירן אין דייטשלאַנד איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. נאַטאַרישע פאַרברעכער זיינען געוואָרן מיט חסד פריי געלאָזן אָדער זייער שטראָף־צייט איז געוואָרן פאַרקירצט. קעגנער פונם נאַצי־רעזשים האָבן מורא אויפצוטרעטן אַלס עדות אין די געריכטן קעגן אָנגעקלאָגטע און אין פאַרברעכן באַשולדיקטע נאַציס. היטלערס געטרייסטע מיטאַרבעטער אין דייטשלאַנדס קאָמפּליצירטער עקאָנאָמיע פאַרנעמען שוין זייט יאָרן וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער שווער־אינדוסטריע פונם רוהר־געביט און רהיינלאַנד. אין דייטשלאַנד לעבט מען אַ גוטן טאָג. מערב־דייטשלאַנד האָט צוריקבאַקומען די סוווערעניטעט אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה, וואָס קען שוין אפליו אָנפירן און אויספירן אַן אייגענע אויסערן־פּאָליטיק. אין די טאַנץ־לאָקאַלן קאַבאַרעטן און נאַכט־לאָקאַלן גיסן זיך וויין און שאַמפּאַניער, ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן. עס הערשט אָפּטימיזם און האָפנונג אויף דער מערב־זייט פון דער עלבע. די פאַרברידערונג מיט די גוטע אַמעריקאַנער און די „נאַאיווע ענגלענדער“ האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה. דייטשלאַנד איז אַ קריסטלעך און ציוויליזירט לאַנד, האָט געזאָגט סער ברייען ראָבערטסאָן. דייטשלאַנד אַרבעט ווידער פאַרן וועלטמאַרק, און דייטשע גרופּעס קומען טאָג־טעגלעך אַלס אָפיציעלע געסט קיין ענגלאַנד צו שטודירן די היגע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און דעם היגן לעבענס־שטייגער (דהי אינגליש ווײ אָוו לייף).

אָבער פאַרגעסט נישט, אַז היינע האָט בעסער געקענט זיינע דייטשן, ווי די פּראַקטישע אַמעריקאַנער און זייערע קעסט־בחורים. אין דעם שוין ציטירטן ווערק „צו דער געשיכטע פון רעליגיע און פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד“ געפינען מיר צום סוף אויך דעם פאָלגנדיקן זאַץ: „וואָס עס זאָל נישט פאַרקומען אין דייטשלאַנד, עס קען קומען צום רעגירן דער קרוינפּרינץ פון פּרייסן אָדער דער דאָקטאָרווירטה, האַלט אייך גרייט, בלייבט רואיק שטיין אויף אייער פּאָסטן מיט דעם געווער אין דער האַנט. איך מיין עס גוט מיט אייך.“

דאָס איז געווען זיין ווענדונג צו די פראַנצויזן:

האַלט אייך גרייט!...

עס קען קיינער נישט זאָגן, אַז היינע איז מיט הונדערט יאָר צוריק געווען אומגערעכט.

5

אויף דער וואך

„האַלט אייך גרייט!"

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יענע אומרואיקע יאָרן פון רעוואָלוציעס און קעגן־רעוואָלוציעס, האָט אַן אומבאַקאַנטער שרייבער (וועמענס נאָמען איך האָב לײדער פאַרגעסן) אָנגעשריבן אַ דראַמע מיטן נאָמען „דאַנטאָן" (נישט צו פאַרגלייכן מיט דער באַרימטער דראַמע „דאַנטאָנס טויט" פון געאָרג ביכנער). אין דעם שטיק קומט פאָר אַן אויפגערעגטע סצענע אין אַ פאַריזער קוואַרטאַל אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אַן אָפּטיילונג פון פאָלקס־מיליץ ווערט פאַרוויקלט אין אַ גאַסן־געשלעג. פון ערגעץ־ווו ווערט געשאָסן. דער אָנפירער פון די מיליציאַנטן פאַלט אַנידער און זעט ווי זיינע אונטערגעבענע ווילן נקמה נעמען אין אַ אויסטערליש־אַנגעטונענעם פּאַטראָן. אין דער גסיסה שרייט דער קאָרפּאָראַל מיט זיינע לעצטע כחות צו די מיליציאַנטן:

„שיסט נישט, קאַמעראַדן, ס'איז דאַנטאָן — ער מוז פראַנקרייך פון די לאַבוסעס ראַטעווען!"

עס איז דאָ נישט דער אָרט אָפּצושאַצן דעם באַדייט פון דאַנטאָן פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָבער עס וועט קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז ער איז געווען אַ וויכטיקע פּאָליטישע פיגור פון יענער צייט. און ווען מיר קוקן זיך אַרום אין אונזער אייראָפּייאישער וועלט, פאַרבענקט עס זיך נאָך אַן אויסטערלישן מענטש פון גרויסן כאַראַקטער און פאַרמאַט, וואָס זאָל קענען און וועלן ראַטעווען אייראָפּע פונם היינטיקן פּלאָנטער.

מען רעדט אַזויפיל וועגן דעם מערב־בלאָק אין סתירה צו אַ מזרח־בלאָק, וועלכער איז אַנטשטאַנען אויף יענער זייט פון אייזערנעם פאָרהאַנג מיטן סאָוויעטן־פאַרבאַנד בראש. איין בלאָק איז אַנטשטאַנען אויס ריינער נויטווענדיקייט, דער אַנדערער מיטן כח פון געוואַלט. ווער ס'איז איז דעם שולדיק, איז שוין נישט קיין חילוק. וויכטיק איז אָבער יאָ, אַז ס'זאָלן אויסגעמיטן ווערן אַלע קאָנפליקטן וואָס קענען פירן צו אַ „ויתרוצצו", צו אַ טראַגישן צוזאַמענשטויס פון צוויי מעכטיקע כחות, וועלכע קענען צעשטערן אַלץ וואָס איז אונז ליב און טייער. קאָנפליקטן ווערן אָבער נישט אויסגעמיטן דערמיט, ווען די צדדים, נעכטן נאָך פריינט און פאַרבינדעטע, פּראָוואָצירן איינער דעם אַנדערן אויף אַן אופן, וואָס קען פירן צו אַ פריש־פרייליכער מלחמה.

ס'איז געקומען צום בערלינער קריזיס. און רוסלאַנד האָט געשאַפן די בלאָקאַדע אַרום בערלין, און פונם רוסישן שטאַנדפּונקט אויס געזען, איז עס

גאַרנישט געווען אַזוי אומלאָגיש צו דענקען: זאָל פראַנקפורט אָדער באָן ווערן די הויפּטשטאָט פון דער דעמאָלטיקער דריי־זאָנע אָדער מערב־דייטשלאַנד, איז בערלין אויסשליסלעך די הויפּטשטאָט פון מזרח־דייטשלאַנד, אָקופּירט פון סאָוויעט־רוסישע מיליטערישע כחות.

און דער קאָנפליקט האָלט אָן, כאָטש ער נעמט אָן פון צייט פאַרשיידענע פאָרמען. רוסלאַנד פאָכעט מיטן שווערט, אַמעריקע פאָכעט מיטן שווערט, און טעאַטעטיש שפּילט מען זיך מיט די קליינע צאַצקעס פון אונזער ציוויליזאַציע, וואָס מען רופט זיי: אַטאָם־באָמבעס. און דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט זיך אַזוי שפּלדיק און פריוויליק קנעכטיש אונטערגעוואָרפן דעם טיראַן היטלער און מיטגעהאָלפן אויסצופירן אַלע מאוסקייטן און אוממענטשלעכקייטן פון זיין רעזשים, איז פּלוצים געוואָרן מוטיק און העלדיש אינם קאַמף קעגן טיראַניי.

גרויס־בריטאַניע און אַמעריקע האָבן אויפגעשטעלט אַ גאַנצע לופט־פלאָטע כדי צו ברעכן די שטרענגע בלאָקאַדע מצד סאָוויעט־רוסלאַנד, און צו פאַר־זאָרגן בערלין מיט אַלע נויטווענדיקייטן, באַדערפנישן און לוקסוס, צו וועלכע די איינוווינער זיינען געוווינט פון קדמונים אָן.

ביי אַ ריזן־דעמאָנסטראַציע, אינסצענירט אינם האַרצן פון אַמאָליקן שטאָלצן בערלין, איז אַ העלדישער „טייטשער" יינגלינג אַרויפגעקלעטערט אויפן אויבערשטן פאַדעסט פונם בראַנדענבורגער טויער און פאַרברענט די רוסישע פאָן.

די ציריכער „וועלטוואָכע" פונם 24־טן סעפּטעמבער 1948 האָט דעמאָלט געשריבן:

„דאָס דערוואַכן פון די בערלינער צום אַקטיוון קאַמף קעגן דעם מזרח באַדייט אָן שום ספק אַ וויכטיקע געשייעניש אין דער געשיכטע פון גאַנץ דייטשלאַנד. די ברענענדיקע רוסישע פאָן אויפן בראַנדענבורגער טויער קען ווערן צום פאַנאַל פון דייטשלאַנדס דערוואַכן. עס איז זיכער אַ גוטער אָנהויב, אַז דאָס דאָזיקע דערוואַכן געשייט אין צייכן פון אַ קאַמף, וואָס עס פירט דאָס פרייהייט־ליבנדע בערלין אַלס פאָרפּאָסטן פונם מערב קעגן די רוסישע באַדריקערס."

אויף אַן אַנדערער שטעל לייענען מיר אָט די שורות:

„איירשפּע קען גאַרנישט ווערן פאַרטיידיקט קעגן דעם מזרח (און אין דעם זיינען גראַד די אַמעריקאַנער מיט זייער גאַנצער אייראָפּע־פּאָליטיק אין ערשטער ליניע אינטערעסירט), ווען די מזרח־שטחים פון אונזער קאָנטינענט (אין אָריגינאַל הייסט עס: די אָסטמאַרק א.פ.) וועלן נישט ווערן געמאַכט שטאַרק."

אַזוי און ענלעך און נאָך אַביסל ערגער האָט איר געקענט לייענען אין אַ געוויסער פּרעסע אין אַמעריקע און אַזויגערופענע נייטראַלע לענדער, וואָס האָבן רעלאַטיוו נישט קיין סך געליטן (אָדער לחלוטין גאַרנישט) פון דער מלחמה.

באַלד נאָך דער מלחמה האָבן ערנסטע שטימען געוואָרנט קעגן די פאַלשע

געפילן פון רחמנות קעגנאיבער אַזאַ בעסטיאַלישן שונא, ווי דייטשלאַנד איז געווען. ווען די פאַקטן איבער אוישוויץ, בעלזן, טרעבלינקע און בוכנוואַלד זיינען געוואָרן באַקאַנט, האָבן ענגלישע צייטונגען געדרוקט לייט־אַרטיקלען מיט דער איבערשריפט: „לעסט ווי פאַרגעט!״—איר זאָלט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

און זיי וואָלטן אויך נישט פאַרגעסן און נישט מוחל געווען, קיין שום פאָלק אין דער וועלט נישט, (מיט זייער שטענדיקן פריידיקן איבער מחילה און באַרמהאַרציקייט) ווען זיי וואָלטן אַלס פאָלק געוואָרן אַזוי באַרבאַריש און טייוולאַניש פאַרשניטן און פאַרטיליקט אָדער אָפּגעווישט פון דער ערד, ווי דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אינם נאַצישן אייראָפּע.

לאָמיר אַלס יידן כאָטש נישט פאַרגעסן יענע טעג און יענע צייטן, ווען אטילא און זיינע האָרדעס האָבן איבערגענומען די ממשלה פון אַ גרויס לאַנד. 150 יאָר אייראָפּייאישע עמאַנציפּאַציע זיינען געוואָרן אָפּגעווישט פון אונזער לעבן. הומאַניזם, עטיק און עסטעטיק זיינען געוואָרן פרעמדע באַגריפן. האָס־געזאַנגען פון אַ נייער אונטערוועלט האָבן געהילכט איבער אַלע גאַסן און סקווערן פון דייטשלאַנד, באַגלייט פונם מערדערישן געקלאַפּער פון ברויך־און שוואַרץ־גוואַרדישע שטיוואַלעס. ס'איז דערשטיקט געוואָרן אין דער קעל דאָס שיין־געפאָרמטע וואָרט. עס איז די געבוירן־שעה פונם פרימיטיוון פשוטן האַרט־געשניטענעם און רוי־געפאָרמטן סטיל, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ געבראָכן געמיט און פאַרוויטיקט האַרץ ——

„אַלע געבויגן
איבער וועגן פון קאַראַוואַנען,
מיטן וואַנדערשטעקן אין וועגהאַרטער האַנט,
נישט וויסנדיק ווו אַהין און וואַנען.״

(פון קאַרל וואָלפסקעהלס „די שטימע רופט״,
דערשינען 1934)

אין יענער צייט, אין יענע טעג זיינען מיר געוואָרן אייראָפּעס שטיף־קינדער. ערגער! מיר זיינען געוואָרן די אויסגעשטויסענע, דאָס פסולות פונם מענטשלעכן מין צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. פון אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, פון אַלע הילכערס איבער דייטשלאַנד, איבער אייראָפּע, איבער דער גאַנצער וועלט האָבן פון יענער שעה אָן אין אַלע לשונות פון מענטש־חיה און חיה־מענטש געקלונגען די פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס פון די נייע מאַכטהאָבערס, פון אטילאַ־היטלער און זיינע סאַטראַפּן, גוילייטערס און קרייזלייטערס, שטורם־פירערס און אויבערפירערס.

אומזיסט האָבן מיר דעמאָלט אין דער שווערער האַרטער שעה פון טראַגישע נסיונות געהאָפט צו געפינען מענטשלעכע סימפּאַטיע און באַלדיקע הילף

צווישן די גרויסע מעכטיקע און פרייע פעלקער פון דער וועלט. די שפּאַלטן פון דער וועלט־פּרעסע זיינען געווען אָנגעפילט מיט די געוואַלטיקע פאַר־ענדערונגען אין היטלערס דריטן רייך. די סענסאַציע פון „דייטשלאַנדס דער־וואַכן", פאַרבונדן מיט דער באַרויבונג פון אַלע בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט פון אַ קליינער שוצלאָזער מינדערהייט, האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום ווירקזאַמע רעאַקציע אין דער אַזוי־גערופענער פרייער וועלט. און דאָס האָבן די נאַצי־טיראַנען גינסטיק אויסגענוצט צו פאַרשטאַרקן און אויסצובויען זייערע אייגענע פּאָזיציעס. דייטשטום און פאַשיסטישער נאַציזם זיינען פון יענער שעה אָן געוואָרן דער בעסט־אָרגאַניזירטער דיסציפּלינירטער און געזאַמלטער כח אויף אונזער ערד־פּלאַנעט, און מיט יעדער פּאָזיציע פון פריי־הייט און מענטשלעכקייט, וואָס מיר יידן האָבן פאַרלוירן אויף דער פאַר־שאָלטענער דייטשער ערד, און אין לענדער, וועלכע האָבן נאָכקאָפּירט דעם ראַסיסטישן אַנטיסעמיטיזם, האָט די פרייע דעמאָקראַטישע וועלט (די פרייע זעלבסטשטענדיקע פעלקער פון אייראָפּע) פאַרלוירן איר חשיבות, איר האַנדלונגס־פרייהייט, אירע פּאָזיציעס, איר כח, עטיק און מאָראַל.

אַזוי אַרום איז אונזער גורל באַוווסט צי אומבאַוווסט געוואָרן פאַרבונדן מיטן גורל פון אַ פרייער מענטשלעכער וועלט; אַזוי אַרום איז דער גורל פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער וועלט געוואָרן פאַרבונדן מיט אונזער גורל. אָבער וויפיל מענטשן אין דער נישט־יידישער און אַפילו יידישער וועלט האָבן דאָס פאַרשטאַנען דעמאָלט, מיט צוואַנציק יאָר צוריק? דעמאָלט האָבן מיר אונזער גורל, דאָס יודן־שיקזאַל בלע"ז, געמוזט אויסטראָגן אויף אונזערע אייגענע פּלייצעס — אַלע: אַלט און יונג, רייך און אָרעם, מענער, פרויען און קינדער, געבילדעטע און בעזגראַמאָטנע; סוחרים, אַקאַדעמיקער און בעלי מלאכות; רעליגיעזע און פריידענקער, נאַציאָנאַל יידן און אַפילו אָפּטריניקע, אַלע זיינען געשטעלט געוואָרן מחוץ דעם געזעץ. פאַר אַלע האָט געגאָלטן די אָפּגעזונדערט־קייט, די אַרויפגעצוווּנגענע איזאָלאַציע פונם אַרומיקן לעבן. אין יענער שעה איז געשאַפן געוואָרן דאָס אומזיכטבאַרע געטאָ, און עס האָט זיך באַוואָרהייט דער היפּוך פונם אַמאָליקן משכילישן שפּרוך: „היה איש בצאיתך ויהודי באוהליך." איז גראַד דער ייד געווען נאָר ייד אין דרויסן. צווישן זיינע אייגענע ד' אמות האָט ער זיך געקענט אָפּנאַרן און זיך שפּילן אין „דייטשטום" אָדער „אייראָפּייערטום".

און זאָל עס געזאָגט ווערן צום וויפילסטן מאָל: וואָלטן די גרויסע פרייע פעלקער מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך בראש, דעמאָלט אין יענער שעה, פאַר־מאָגט די ריכטיקע פאַראויסזיכט פון מלוכה'שער און מענטשלעכער חכמה, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, אַז היטלערס אויסנאַם־געזעצן אין קאַמף קעגן דער יידישער מינדערהייט אין דייטשלאַנד און דעם גאַנצן וועלט־יידנטום (נאָך לאַנג איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מערדערישער פאַרניכטונגס־פּראָ־צעס פונם אייראָפּייאישן און אַפריקאַנישן יידנטום), זיינען נישט געווען אַ ריין־אינערלעכע דייטשע אנגעלעגנהייט, זיי וואָלטן פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט

היטלערס מאַסנאַמען אַלס דעם אָנהויב און אויפטאַקט צו גרויסע אַוואַנטורעס און מלוכהשע קאַזשאַלקעס, וועלכע וועלן פירן צו קאָנפליקטן און צוזאַמענ־שטויסן מיט די שכנישע אייראָפּייִשע פעלקער.

זאָל צום שבח דערמאָנט ווערן, אַז עס זיינען יאָ געווען שטימען פון באַ־דייטנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן יאָ עפּעס פאַרשטאַנען און האָבן בשעתם געוואָרנט. זאָל עס היינט ווערן דערמאָנט און אונטערגעשטריכן, אַז אינם יאָר 1938 איז עס געווען אַנטאָני אידן, דער יונגער אויסערן־מיניסטער אין נעוויל טשעמבערליינס קאַבינעט, וועלכער האָט געזען דאָס רויטע ליכט פון געפאַר, וואָס האָט געלויערט אַרום אונדז. עס איז דאָס גורל־יאָר 1938, מיט ניינצן יאָר צוריק. מוסאָליני האָט שוין געהאַט דעראָבערט אַבעסיניע, היטלער האָט זיך צוגעגרייט צו לעזן דעם „פּראָבלעם" פון טשעכאָסלאָוואַקיע, און ביידע דיקטאַטאָרן האָבן צום טראָץ פון זייערע צוזאָגענישן זיך נישט אַריינצומישן, געשיקט חיילות אַנטיילצונעמען אינם שפּאַנישן בירגער־קריג.

איצטער, ווען די גאַנצע וועלט, איינשליסלעך די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע מיט אייזענהויערן בראש און אינדיע מיטן גרויסן „פרייהייטס־קעמפער" נערו איבערשוימען זיך מיט זייערע אָנגריפן קעגן ענגלאַנד און סיר אַנטאָני אידן, זאָלן דערמאָנט ווערן אידנס דעמאָלטיקע ווערטער און זיין גרוי־סער אַקט פון רעזיגנאַציע פונם טשעמבערליין־קאַבינעט.

קאָלין פריים באַשרייבט דאָס אויספירלעך און דראַמאַטיש אין דער לאָנ־דאָנער אָוונט־צייטונג „דהע סטאַר" אין אַן אַרטיקל „ווען אידן האָט רעזיגנירט".

דער גראַף גראַנדי, מוסאָלינים אַמבאַסאַדאָר מיט דער שיינער באָרד, איז אין לאָנדאָן אָפּצוהאַלטן נייע קאָנפערענצן מיטן פּרעמיער טשעמבערליין אויס־צוגלייכן די סכסוכים צווישן ענגלאַנד און איטאַליע. דאָ איז אַנטאָני אידן גע־קומען צו אַ פּונקט, ווו ער האָט זיך אָפּגעזאָגט איינצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט די דעמאָלטיקע דיקטאַטאָרן. זיין שטאַנדפּונקט איז געווען, אַז ווייטערע שמועסן מיט מוסאָליני זיינען נוצלאָז, ביז ער וועט נישט האָנאָרירן זיינע פרייערדיקע צוזאָגענישן אַרויסצוציען זיינע חיילות פון שפּאַניע און אָפּצושטעלן זיין שנאהדיקע פּראָפּאַגאַנדע אינם נאָענטן מזרח קעגן גרויסבריטאַניע.

נעוויל טשעמבערליין, דער פּרעמיער מיניסטער און „רודף שלום׳ניק" פון דעמאָלט, האָט געהאַט די כוונה צו וועלן פאַרגעסן אַלע פריערדיקע חטאים פון איטאַליע, און אָנצוהויבן נייע שמועסן און פאַרהאַנדלונגען אין רוים. דעמאָלט האָט אידן רעזיגנירט פון זיין פּאָסטן אַלס אויסנמיניסטער.

וואָס ער האָט ביי דער געלעגנהייט געזאָגט אינם האוז אָוו קאָמאָנס קען אפשר היינט קלינגען אויסטערליש. זיינע ווערטער און זיין רעזיגנאַציע זיינען דעמאָלט געווען אַ קליינער ליכט־שטראַל אין אַ פינצטערער פאַרכמאַרעטער וועלט.

„עס זיינען דאָ געלעגנהייטן, ווען גרויסע פּאָליטישע באַטראַכטונגען אי־בערשטייגן אַלע אַנדערע ריקזיכטן. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן קען נאָר דער

יחיד זיין דער אַלייניקער שופט. קיין אַנדערער מענטש קען נישט זיין דער היטער פונם געוויסן פון אַן אַנדערן . . .

„ווען שלום זאָל זיין פון דויערהאַפטיקן באַשטאַנד, מוז ער זיין באַזירט אויף די פונדאַציעס פון ערלעכער קעגנזייטיקייט און רעספּעקט. ווען מיר וועלן אַקצעפּטירן אַזאַ מין באַזיס אין אונדזער אויסנפּאָליטיק, וועט דערפון פאָלגן, אַז מיר מוזן גרייט זיין צו פאַרהאַנדלען מיט אַלע לענדער, וואָס זייער רעגי־רונגס־פאָרם זאָל נישט זיין, מיט דער כוונה אַנצוהאַלטן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרשטענדעניש.

„אָבער מיר מוזן אויפּפּאַסן, אַז אין אונדזער קאָנצעפּציע פון אַזעלכע פאַר־האַנדלונגען . . . זאָלן מיר שטאַרקן און נישט אונטערגראָבן די פונדאַציעס, אויף וועלכע עס באַזירט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטרויען.

„אין די לעצטע חדשים, וואָכן און טעג האָבן מיר געזען איינס נאָכן אַנ־דערן די פאַרגעוואַלטיקונג פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכונגען און דעם פּראָביר צו צווינגען פּאָליטישע אַנטשיידונגען מיטן כוח פון געוואַלט״.

טשערטשיל דערמאָנט דאָס דאָזיקע געשייען אין זיין היסטאָריש בוך „דער שטורם זאַמעלט זיך״ („דהי גאַדהערינג סטאָרם״) מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „פון מיטן אין דער נאַכט ביז צום טאָג־אָנהויב בין איך געוואָרן אויפגעצערט פון געפילן פון זאָרג און מורא. איין יונגער מענטש איז מיט כח אויפגעשטאַ־נען קעגן אַלטע טרויריק־פינצטערע שטראָמען און שוואַכע אימפּולסן . . . און איצטער איז ער געגאַנגען.

„איך האָב געוואָרט און צוגעקוקט, ווי דאָס טאָגליכט איז לאַנגזאַם אַריינ־געדרונגען דורך די פענצטער, און האָב פאַר מיר געזען אין גייסטיקער שטאַר־הייט די וויזיע פון טויט״. און קאָלין פּריים שליסט אָפּ זיין אַרטיקל: „אַכצן חדשים שפּעטער איז בריטאַניע געווען אין מלחמה־צושטאַנד״.

עס חזרן זיך איבער די פעלער, וועלכע זיינען געוואָרן באַגאַנגען אין די יאָרן נאָך דער ערשטער מלחמה. עס איז באַדויערלעך, און פאַר שפּעטערע צייטן אויך געפערלעך, דאָס אַמעריקע איז זייער שטאַרק איינגעטרעטן קעגן דער ווייטערדיקער דעמאָנטאַזשע פון דער גרויס־ און שווער־אינדוסטריע און פון דעם צווייג פו קליין־אינדוסטריע, ווי פיינמעכאַנישע וואַרשטאַטן און פאַ־בריקן פון פּרעציזיאָנס־מאַשינען (אין בייערן און אין שוואַרצוואַלד), וועלכע האָבן געדינט דעם דייטשן מלחמה־מולך. די שווער־אינדוסטריע און דער קוילן־בערגבוי אינם רור־געביט איז געוואָרן אי נישט סאָציאַליזירט (דאָס וואָלט אַמעריקע נישט צוגעלאָזט), אי נישט אינטערנאַציאָנאַליזירט (דאָס האָבן נישט ענגלאַנד און נישט אַמעריקע געוואָלט). די רור־געגנט, אינם קייזערלעכן דייטשלאַנד געקרוינט מיטן נאָמען „די וואָפּענשמידע דעס רייכעס״ (די קוזשניע פון כלי זיין), איז ווידער עקאָנאָמיש און אַדמיניסטראַטיוו אין די הענט פון די דייטשן. דאָסזעלביקע איז דאָך גראַד געשייען אינם סאַרגעביט. דייטשלאַנד איז עקאָנאָמיש פריי, שטאַרק און זעלבסטשטענדיק.

אויף דער מערב זייט פון מערב דייטשלאַנד איז דער גרויסער שכן —

פראַנקרייך, אַמאָל די מוטער פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה די שטאַרקסטע גרויסמאַכט אין אייראָפּע, און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה קראַנק, אָפּגעשוואַכט און צעבראָכן, געשפּאָלטן אין אומצייליקע פּאַרטייען, גרופּעס און קליקעס, ווירטשאַפטלעך דיזאָרגאַניזירט און פינאַנציעל אָפּהענגיק פון אַמעריקע. וואָסערן כח שטעלט מיט זיך פאַר אַזאַ לאַנד? גאָרנישט, און דאָס איז באמתדיק אַ גרויסער שאָד פאַרן שלום פון אייראָפּע און פאַרן שלום פון דער וועלט.

אַ דערשטאַרקט און פאַרייניקט דייטשלאַנד נאָך אַ פאַרלוירענער מלחמה וועט אייביק בילדן אַ געפאַר פאַרן אייראָפּייאישן שלום. אַ דערשטאַרקט דייטשלאַנד האָט אַ פאַרטיק שלאַגוואָרט: רעוואַנש־מלחמה! און געמיינט איז דערמיט די צוריק־דעראָבערונג פון די פראַנצויזישע דעפּאַרטמענטס עלזאַס און לאטרינגען, און די באַהערשונג פון גאַנץ פראַנקרייך און בעלגיע, ווי שוין צוויי מאָל געשייען אין אונזערע צייטן.

אַן אַמאָליקער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער סטאַנלי באלדווין (דער שפּעטערער לאָרד באלדווין) האָט ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט, אַז די גרענעץ פון גרויס־בריטאַניע ליגט ביים רהיין. יאָ, עס איז באמתדיק אין היטלערס צייטן גאָרנישט געווען קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די גרענעץ פונם לאַנד דאָ ליגט ביים רהיין! טאָ וווּזשע ליגט די גרענעץ פון פראַנקרייך? על אחת כמה וכמה ליגט פראַנקרייכס מזרח גרענעץ ביים רהיין, אויב נישט נאָך ווייטער: ביי דער רור.

דעריבער איז צו ווינטשן און צו האָפן, אַז פראַנקרייכס דערנענטערונג צו ענגלאַנד, און זייער געמיינזאַמע אַקציעס און אונטערנעמונגען אינם נאָענטן מזרח וועלן נישט בלייבן סתם אַן עפּיזאָד. ס'איז צו ווינטשן און צו האָפן, אַז פראַנקרייך וועט מאָראַליש און עקאָנאָמיש (און נישט ווייניקער אויך מיליטעריש) זיך דערהויבן צו דער הויכער מדרגה פון אַ גרויסער נאַציע לטובת אַ דויעדהאַפּטיקן אייראָפּייאישן שלום און במילא קעגן דער רעסטאַווראַציע פון אַ שטאַרקן נקמה־נעמענדיקן דייטשלאַנד.

אָבער דערצו איז נויטיג, אַז דער מזרח זאָל אויך ווערן רעגירט פון מענטשן מיט מער שכל און ווייניקער ווילד־פאַנאַטישער פּאָליטישער ליידנ־שאַפט. ליגט פראַנקרייכס גרענעץ ביים רהיין, ליגט סאָוויעט־רוסלאַנדס גרענעץ (אָדער פון זיינע סאַטעליטן) ביי דער עלבע, וועמענס רעכטער ברעג ביז כמעט צו די האַמבורגער פלויגען איז באַזעצט פון סאָוויעטישע חיילות. נאָך אַלעם דעם, וואָס ס'איז געשייען, איז עס קלוג און ריכטיק און פאַרן שלום פון דער וועלט אַ נויטווענדיקייט, אַז דייטשלאַנד זאָל בלייבן באַזעצט פאַר אַ פאַר צענדליג יאָר ביז עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז זי האָט זיך געריייניקט פונם שמוץ און פּסולות פון אַ בעסטיאַלישער פאַרגאַנגענהייט.

מען רעדט זיך איין, אַז מיט דעם כשוף־שטעקעלע „דעמאָקראַטיע" קען מען געווינען און אומבילדן דאָס דייטשע פאָלק. אודאי איז דעמאָקראַטיע אַלס

רעגירונגס־מעדיום וויכטיק פאַרן דייטשן פאָלק נישט ווייניקער ווי פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, ביי וועלכע דעמאָקראַטישע רעגירונס־פאָרם איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך. די דייטשן וועלן זיך אַזוילאַנג שפּילן אין דעמאָקראַטיע ווי עס וועט זיין נוצלעך פאַר זיי. זיי וועלן אויסנוצן אַלע פריי־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס נישט לטובת דעם שלום פון אייראָפּע און דער וועלט, נאָר לטובת אַ ווידער־דערוואַכן פון אַ שטאַרקן צענטראַליסטישן דייטשלאַנד מיט אויסגעשפּרייטע טויזנט אָרעמס אין אַלע ריכטונגען פון אונזער ענגער וועלט; וועט ווערן אַ שרעק פאַר די קלענערע און שוואַכערע פעלקער אַרום איר, וועלכע זיינען געווען די ערשטע קרבנות אין דער לעצטער מלחמה און די פּאָטענציעלע קרבנות פון מאָרגן.

אַמעריקעס פאַרדינסטן און הילף אין דער לעצטער מלחמה זיינען נאָך נישט גענוג געוואָרן אָפּגעשאַצט. אָבער... אַמעריקע איז צו לאַנג געווען איזאָלאַציאָניסטיש און צו שטאַרק אָפּגעזונדערט פון אייראָפּייאישע פּראָב־לעמען צו קענען פאַרשטיין די ווייטיקן און נויטן פון די קליינע פעלקער אַרום דייטשלאַנד. עס קען אויך זיין, אַז דער איינפלוס פון די דייטשע און דייטש־אָפּשטאַמיקע עלעמענטן אין איר אייגן לאַנד איז שטאַרק משפּיע אירע פּאָלי־טישע האַנדלונגען אין אייראָפּייאישע און וועלט פּראָבלעמען.

אַ געאייניקט דייטשלאַנד מיט אַ דינער שיכט פון דעמאָקראַטיע וועט זיין אַ רעוויזיאָניסטיש דייטשלאַנד, און אַ פּריוויליקער פאַרבינדעטער פון דער מערב־וועלט אַזוילאַנג ווי עס וועט זיך איר לוינען. ווען עס וועט זיך איר נישט לוינען, וועלן ווידער אויפשווימען די אַלט־נייע טעאָריעס פון דער גרויסער דייטשער וועלט־מיסיע צו „ראַטעווען דעם מערב פונם גרויסן אונטערגאַנג". עס וועט זיך אָנהויבן דאָס שפּיל פון זאַמלען אַלע אירע נאַציאָ־נאַלע כחות צו אַ נייעם קאַמף, צו דער קאָנצענטראַציע פון דייטשע און פאָלקס־דייטשע מינדערהייטן, ווי דאָס איז געשייען אַזוי „אומשולדיק" צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און וואָס האָט געפינען אַ סך אונטערשטיצונג דעמאָלט אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און לאַטיין־אַמעריקע.

דייטשער רעוויזיאָניזם קען מיינען אַ בליץ־געשווינטן אַריינמאַרש אינם היינטיקן ניי־רעסטאַווירטן פּוילן, דאָס אָוועקנעמען פון איר אַלע פּריש־דערוואָרבענע מערב־פּראָווינצן, ווי מיטל־שלעזיע, אויבערשלעזיע, די לויזיץ און פּאָמערן און די טאָטאַלע פאַרניכטונג פונם קליינעם יידישן ישוב, דעם רעשטל פונם אַמאָל גרויסן און שאַפערישן פּוילישן יידנטום.

און כדי עס זאָל צו דעם נישט קומען, איז עס נישט קיין גרויס אומגליק פאַרן שלום פון אייראָפּע, ווען מאָסקוועס שטאַרקע האַנט זאָל ווערן געהאַלטן איבער בערלין (דער זונה צווישן אַלע הויפּטשטעט פון אייראָפּע) און דעם גאַנצן אָקופּאַציע־געביט ביז צו דער עלבע. פון דער עלבע ביז צו דער פראַנ־צויזישער גרענעץ זאָלן די מערב־מלוכות מיט גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך בראש האַלטן שמירה, וואַכן און זאָרגן נישט לטובת אַ רעסטאַווירטן געאיי־ניקטן דייטשלאַנד פון „דער מאַאס ביז צום ניעמען, פון דער עטש ביז צום

בעלט״,* נאָר פאַר דער סאַנירונג פון אַ מערב־דייטשלאַנד אינם היינטיקן באַשטאַנד לטובת דעם שלום פון אייראָפּע. אַ געאייניקט דייטשלאַנד איז אַ געפאַר פאַרן שלום. זאָלן די גרויסע מערב־דעמאָקראַטיעס שטרעבן צו קומען צו אַ פאַרשטענדניש מיט די „הארט־געזאטענע״ מושלים פון מאָסקווע (אַמאָל וועט עס דאָך מוזן קומען צו אַזאַ פאַרשטענדניש) און האַלטן וואַך ביי דער עלבע און ביים רהיין, כדי אייראָפּע זאָל ווערן און בלייבן אַ געזונטער סאַניר־טער פלאַץ פאַר די מערב־אייראָפּייאישע קולטור־פעלקער.

זאָל עס זיין אַן אייראָפּייאישע, און נישט קיין דייטשע „וואַכט אַם רהיין״!

* אַרויסגענומען פון דעם דייטשן נאַציאָנאַל־הימן „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אלעס.״

6

די קאָלטע און די הייסע מלחמה

די ערשטע העלפט פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. די קאַלטע מלחמה האָט זיך שטאַרק אויסגעווירקט אויף די נערוון פונם מענטשלעכן מין. אין אמתן איז עס נישט מער געווען קיין קאַלטע מלחמה. אין צפון־מזרח פון ווייטן אַזיע, אין קאָרייע, זיינען זיך געשטאַנען קעגנאיבער צוויי מחנות און האָבן זיך אויסגעשאָכטן איינער דעם אַנדערן, מיט ביקסן, באָמבעס און טאַנקן. אַ פּעסימיזם האָט אַרומגענומען די וועלט. דער דאָזיקער פּעסימיזם האָט זיך אַנגעהויבן אַריינצופרעסן אין לעבן פון גאַנצע פעלקער. אייגנטלעך איז עס געווען אַ בירגער־מלחמה פון צוויי קאָרייעס: פונם צפון־טייל, דאָמינירט פון אַ קאָמוניסטישער דיקטאַטור קעגן דעם דרום־טייל, באַהערשט פון אַן אַנטי־קאָמוניסטישן דיקטאַטאָר און אַ שוצלינג פון דער גרויסער צפון־אַמעריקאַנישער רעפּובליק. דאָס גרויסע כינעזישע הינטערלאַנד האָט אונטערשטיצט דעם קאָמוניסטישן שכן צפון־קאָרייע קעגן דעם דרום, וועלכער איז געווען בירגערלעך־רעאַקציאָנער. אַמעריקע, דער גרויסער שותף אין דער „מערב־אַליאַנץ”, האָט אין דעם געזען אַ פּראָביר פון מעסטן די כחות, אַ פּראָוואָקאַציע, אינסצענירט פון מאָסקווע, און מיט געשיקטער איניציאַטיוו געצוואונגען גרויס־בריטאַניע, פראַנקרייך און דעם גרעסטן טייל פון דער דעמאָקראַטישער מערב־אַליאַנץ זיך אַקעגנצושטעלן דער קאָמוניסטישער געפאַר און פאַרמאַרש.

עס זיינען זיך געשטאַנען קעגנאיבער אַלס שונאים צוויי מחנות מיט גלייכע כחות, און אפשר דאָס איז (אויף אַ ווייל) געווען די סבה, וואָס עס איז נישט געקומען צו קיין וועלט־קאָנפליקט. הינטער די קוליסן האָבן אין דעם שפּיל געהאַט די גרעסטע ראָלן די גרויסע צפון־רעפּובליק פון אַמעריקע און דאָס ריזיקע קאָמוניסטישע כינע מיטן סאָוויעטן־פאַרבאַנד אַלס צווישן־שפּילער. עס איז געקומען צו אַ שאַכמאַט, דער קאָנפליקט איז געבליבן לאָקאַליזירט, און אויבערפלאַכלעך געזען איז דער שלום פון דער וועלט געוואָרן געראַטעוועט. ווי ווייט און פאַר ווי לאַנג דער שלום איז געוואָרן געראַטעוועט, און צי דער גאַנצער קאָנפליקט מיט דער אינטערווענציע פון די פאַרייניקטע פעלקער אונטער אַמעריקאַנישער אַנפירונג איז געווען אַ נויטווענדיקייט „צו ראַטעווען דעם באַדראָעטן שלום” — ס'איז צו פרי זיך צו שאַפן אַן אורטייל. דער קאָרייאַנישער קאָנפליקט איז נאָר געווען אַ לאָקאַל־באַגרענעצטער פאַרמעסט פון כחות, ווו דער אַנגרייפער, די קאָמוניסטיש־אַגרעסיווע וועלט, האָט זיך אַנגעשטויסן אָן אַ קעגנער, וואָס וויל נישט נאָכגעבן. אָביעקטיוו געזען, איז

דער קאַרייאַנישער קאָנפליקט נישט מער ווי אַן עפּיזאָד אין דער קאַלט־וואַרעמער און וואַרעם־קאַלטער מלחמה, וואָס די מיליטאַנטישע קאָמוניסטישע וועלט שפּרייט אויס אין אייראָפּע, אַזיע ביז נאָך אַפריקע. דער רוסישער בער איז אומגעזעטיקט און צעשפּרייט אויס זיינע לאַפּעס נאָך שטחים, ווייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער גרויסער קאָמוניסטישער אימפּעריע.

צווישן דער וועלט פון נעכטן און היינט ליגט אַ תהום. צווישן דעם נעכטן און היינט אַנטפּלעקן זיך פאַר אונז גרויזאַמע אומרחמנותדיקעווירקלעכקייטן, וועלכע רופן אַרויס דעפּרעסיעס ווי נאָך אַ בייזן חלום. ערשט נעכטן, אין יאָר 1948, האָט דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד אַלס ערשטע גרויסע מלוכה אַנערקענט די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, און היינט שטאַפּירט זי אויס די גאַנצע אַראַבישע וועלט מיט די מאָדערנסטע כלי־זיין צו דערשטיקן אין רויך, מאָרד און ענד־גילטיקער צעשטערונג דיזעלביקע קליינע מדינה. אין דערזעלבער צייט, ווען אונזערע יידישע קאָמוניסטן מיט זייערע גולמדיקע נאָכשלעפּערס (די נאָכ־שלעפּערס קענט איר געפינען אין די האַלב־אַנאַלפאַבעטישע און סעמי־אינטעלעקטועלע קרייזן) פלעגן זיך מיט באַגייסטערונג באַגאַנווערן איבער דעם גרויסן „זשעסט״ פון רוסלאַנד און זיינע סאַטעליטן מיט דעם, וואָס זיי האָבן אין אַנהויב געשטיצט די יונגע יידישע מלוכה, האָבן די מערדערישע הענט פון סטאַלין, בעריאַ און זייערע טשעקאַ־משרתים אויסגעפירט דעם אַקט פון גייסטיקער פאַרניכטונג פונם יידישן ישוב אין רוסלאַנד.

סוף נאָוועמבער 1948 זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון די גרויסע אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער, די ליקווידאַציע פונם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, פון יידישע צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבעס, פאַרלאַגס־וועזן, טעאַטער — מיט איין קורצן שטריך: דאָס גאַנצע ביסל „גלייכגעשאַל־טעטע״ וועלטלעך־יעווסעקציש־סטאַליניסטישע יידישקייט, איז געוואָרן גע־שטעלט מחוץ דעם געזעץ; אַ יידישקייט, וואָס האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דער פאָרם פון אַ רעזשים מיט אַ באַשטימט־אויסגעאַרבעטער ליניע, וואָס קען זיין היינט ריכטיק, און שוין מאָרגן פאַרלייקענט אַלס פאַלש, קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטיש, קאָסמאָפּאָליטיש און אַן אויסגעטראַכטער שווינדל פון „בעספּאַספּאָרטנע יעווריי״.

לאָמיר זיין ערלעך. מיר, דער רבים פונם יידישן פאָלק, האָבן די יעווסעק־ציש סטאַלינישע יידישקייט נישט זייער ליב געהאַט, ווייל אין איר איינפאָרמי־קייט איז זי געווען געפּענטעט אין קייטן פון פאַרטיי־פּאָליטישע דאָקטרינען פון מלוכה־מאַכט, אינטריגע און אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט נישט צוגעלאָזן קיין שום פרייען אויסדרוק פון דער פּערזענלעכקייט פונם שאַפנדיקן קינסטלער, דיכטער, פּובליציסט, וויסנשאַפטלער און היסטאָריקער. כדי צו קענען שאַפן פריי און ערלעך, מוז דער קינסטלער זיין פריי און אומגעשטערט אין דער אינטערפּרעטאַציע און אויסטייטש פון זיינע געדאַנקען, געפילן און באַשטרע־בונגען. אָבער דאָך איז עס געווען אַ יידישקייט! אַ יידישקייט „גלייכגעשאַל־

טעט" און צוגעפּאַסט צו דעם גאַנצן אומשוווּנג און רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און דער אַמאָליקער גרויסער רוסישער אימפּעריע, ווו, כאָטש צאַרישן דעספּאָטיזם און דער אָכראַנע, האָט זיך אונטערגרונט־מעסיק אַנטוויקעלט אַ שטאַרק גייסטיק און אינטעלעקטועל לעבן ביי די גרויסע און קליינע פעלקער צווישן דער ווייסל ביז צום וויטן מזרח אַזש קיין וולאַדיוואָס־טאָק. אָט איז דאָך די מאָדערנע העברייאישע און די יונגע יידישע ליטעראַטור, פון אייזיק מאיר דיק, מענדעלע מו״ס ביז שלום אַש, וויסנבערג, אברהם רייזן אַנטשטאַנען אונטער דער קנוטע, דער נאַגייקע פונם צאַרישן רעזשים. אָבער נאָך דער קאָנסאָלידאַציע פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך דאָס גאַנצע גייסטיקע און קולטורעלע שאַפן געמוזט צופּאַסן צום אָפיציעלן קורס, און ווי ס׳זעט אויס איז אונזערע יעווסעקציע געווען פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט אַליין.

היינט ווייסן מיר דאָך שוין דעם אמת. מיר ווייסן, אַז אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען די גייסטיקע ליקווידאַציע פונם דאָרטיקן יידנטום. ס׳איז היינט אַפילו נישטאָ קיין דרוקעריי (חוץ אפשר אינם פאַרוואָרפענעם בירא־בידזשאַן), ווו מען זאָל קענען דרוקן אַ יידיש אָדער העברייאיש בוך. נישטאָ, אינם גאַנצן רוסיש־קאָמוניסטישן ריזן־לאַנד! די יידיש־גייסטיקע פירער אויסגעהרגעט, נישטאָ קיין יידיש־וועלטלעכע און וועלטלעך־יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל קענען אָנהויבן אויפסניי. נייך, נישטאָ! אַלס זכר פון יידישקייט איז דערלויבט דאָ און דאָרט אַביסל קאַזיאָנע רעליגיעזע יידישקייט מיט אַ הויפּט־ראַבינער אין מאָסקווע און קליינע נישט־אָפיציעלע יידישע קהלות אין די אַמאָליקע גרויסע יידישע צענטערס, ווי ווילנע, מינסק, לענינגראַד, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, לעמבערג, בערדיטשעוו און אַלע די באַרימטע און באַקאַנטע און וויניקער באַקאַנטע שטעט און שטעטלעך פונם אַמאָליקן רייכן רוסיש־יידישן ישוב.

ווי אַנטוישט זיינען מיר יידן געוואָרן, ווען נאָך דער גייסטיקער ליקווידאַ־ציע האָט זיך אויך אָנגעהויבן די פיזישע באַדראָאונג פון די צוויי ביז צוויי־און־אַ־האַלב מיליאָנען יידן, וועלכע לעבן נאָך היינט אויף יענער זייט פונם אייזערנעם" פאָרהאַנג. מען איז געניוגט געשווינט צו פאַרגעסן, אָבער עס איז דאָך ערשט נעכטן געשייען, נעכטן צום סוף פון 1952, ווען עס זיינען אָנגעקו־מען די ידיעות פון פּראַג וועגן דער גרויסער „אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסטיש־יידישער וועלט־קאַפּיטאַליסטישער טיטאָאיסטיש און טראָצקיסטישער פאַר־שווערונג" קעגן דעם טשעכישן מלוכה־סיסטעם. האָט אין רוסלאַנד זיך אָנגע־הויבן צו שפּירן דער גייסט פונם אַמאָליקן פורישקעוויטש און דער טרויריק־באַרימטער ווערא טשעבּיראקאווא (הויפּט־עדות אין בייליס פּראָצעס 1912), האָט מען אין פּראַג געקאָנט מיינען, אַז דאָרט הויבט אָן צו הערשן דער ליימענער גולם. אָבער נישט דער ליימענער גולם פונם מהר״ל, ס׳איז אַ ליימענער גולם אָן אַ שם המפורש.

אבער אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן־לענדער איז אַנטיסעמיטיזם געזעצלעך פאַרבאָטן. און די פאַרשוווי־

רענע נאַכלויפערס פונם קאָמוניסטישן רייטוואָגן האָבן אייביק געהאַט באַוויזן ביי דער האַנט דאָס צו באַשטעטיקן. עס קען זיין, אַז ס׳איז אמת — ס׳איז נישט דערלויבט דער אַנטיסעמיטיזם קעגן דעם ייד אַלס יחיד, אָבער דער „קראַמיע יעווריעיוו״ (ד.ה. יידן אויסגעשלאָסן) איז געוואָרן סיסטעמאַטיש און ביז אַ באַשטימטער מדרגה פּראַקטיצירט קעגן דעם גאַנצן יידישן ישוב אינם סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

וועלכע האַפּנונגען האָבן יידן אין די פּרייע לענדער געהאַט, ווען עס זיינען אין מלחמה־צייט אָנגעקומען די שליחים פונם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט: איציק פעפער און פּראָפעסאָר שלמה מיכאעלס. איציק פעפער, אָפיציעל — אַ פּאָלקאָווניק אין דער רוסישער אַרמיי; נישט אָפיציעל — אַ יידישער פּאָעט, וואָס האָט זיך די גאַנצע יאָרן פאַרסלינעוועט מיט לויב־געזאַנגען אויפן נאָמען פון שטאָלהאַרטן סטאַלין. און עס זיינען דאָ געגוג סברות, אַז ער האָט לטובת דעם מאָסקווער רעזשים געגוג, און מער ווי ס׳איז געווען נויטיק, געזינדיקט קעגן די גייסטיקע רעגונגען און באַוועגונגען פונם רוסיש־יידישן ישוב. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן! ער איז געגוי אַזוי אומגעקומען, ברוטאַל און אָן רחמנות, ווי די אַנדערע אנוסים, די גייסטיקע פירער און שאַפּנדיקע קינסט־לער פונם רוסישן יידנטום, ווי בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דער נסתר און אַנדערע.

דער שרייבער פון די שורות האָט בכוונה נישט געוואָלט זיין אַנוועזענד ביים צוזאַמענקומען מיט דער מיכאעלס־פעפער דעלעגאַציע, בעשת זי איז דאָ געווען אין לאָנדאָן אין יאָר 1943. פאַר אים איז פעפער אייביק געווען דער „גאַספּאָדין פּאָלקאָווניק״ און פּראָפעסאָר מיכאעלס איז ווי אַן „אוצר״ די גאַנצע צייט געוואָרן „אָפּגעהיטן״ פון אַ חברה־מאַן אַ „טשעקיסט״, ווי דאָס האָט אָפּט דערציילט ביי באַשטימטע געלעגנהייטן דער דיכטער משה עובד, וועלכער האָט זיך אָפּט געהאַט געטראָפן מיטביידע, מיכאעלס און פעפער, בעשת זייער דאָ־זיין אין לאָנדאָן.

דער חשד פונם מחבר איז נישט געווען גאַנץ אומבאַגרינדעט. אינם „וועקער״ (צוויי־וואָכנשריפט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, ניו־יאָרק) פונם 15־טן נאָוועמבער 1956 שרייבט חיים לייב פוקס:

„שוין אין די ערשטע טעג נאָכן 17־טן סעפּטעמבער 1939, בעת עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די רויטע אַרמיי וועט פאַרנעמען די געביטן, וואָס ליגן אַריבער דעם טייך בוג, האָבן גרעסערע גרופּעס יידישע שרייבער און קולטור־טוער, צוזאַמען מיט גרויסע יידישע מאַסן געגומען ציען זיך דורך די בלוטיקע פּוילישע וועגן צו דער רוסישער נייער גרענעץ. אין יענע טעג איז שוין אין ביאַליסטאָק געווען אַ גרופּע יידישע שרייבער פון קיעוו מיט איציק פעפערן אין דער שפּיץ, וואָס האָט איינגעשטעלט די ערשטע קאָנטאַקטן מיט די אַריבער־געקומענע יידישע שרייבער־פּליטים.

„שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די סאָוויעטישע שרייבער האָבן מיר דערקענט אַ מין אומזיכערע באַציאונג, אַ מין מורא. איציק פעפער, וואָס

האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מין אויפזעער איבער דער גאַנצער גרופּע, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס דאַרף עפּעס אויספירן אַ באַפעל פון דער מאַכט. (מיין קורסיוו—א.פּ.) מיט פּעפערן זעלבסט האָבן מיר זיך אויס־געהיט צו באַרירן די אַלע פראַגן, וואָס האָבן יעדן פון אונז, ווי שרייבער און ווי יידישע קולטור־טוער, אינטערעסירט. צי איז טאַקע דאָס יידישע לעבן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד אויף דער אַזוי־ברייט רעקלאַמירטער הויך? צי איז טאַקע די יידישע ליטעראַטור דער אויסדרוק פון די אַלגעמיינע דערגרייכונגען?

„אונזער חשד, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג מיט אָט די אַלע זאַכן, אַז אין אמתן לעבט די יידישע קולטור און די יידישע ליטעראַטור נאָר אין זכות פון דער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אויסלאַנד, און אין לאַנד גייט זי אונטער, איז פון פּעפערס גרויסהאַלטערישע רעדעס און אַגיטאַציעס נאָך אַ סך שטאַרקער גע־וואָרן. אין די שמועסן מיט די נישט אַזוי באַרימטע שרייבער האָבן זיי, צוערשט נישט דרייסט און מער מיט רמזים און שפּעטער אויך אָפן, דערציילט וועגן דעם אונטערגאַנג פון יידישן לעבן....

„אַזוי, למשל, זיינען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אין מינסק אפילו זיינען פאַראַן זייער ווייניק יידישע שולן, און אַז אַ גאָר גרויסער טייל פון די יידישע קינדער לערנען אין ווייס־רוסישע שולן.

„אין אוקראַינע, למשל, איז נישט פאַראַן קיין שום נאָכוווקס, און חוץ אין קיעוו און אין די געביטן, וואָס ליגן נאָענט צו דער פּוילישער גרעניץ, איז דאָס יידישע קולטור־לעבן כמעט ווי חרוב. די יידישע שולן ווערן ביסלעכווייז פאַר־וואַנדלט אין אוקראַאינישע, און אין בעסטן פאַל אין צוויי־שפּראַכיקע....

„אָט די איינדרוקן האָבן אַרויסגערופן אין אונז אַ געפיל, ווי די סאָוויעטישע יידישע שרייבער וואָלטן אונז מקנא געווען . . . וכו׳ ” (אַרויסגענומען פון ה. ל. פוקס „מיט די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער בעפאָר זייער פיזישן אומקום”, „וועקער” נומ. 957, ניו־יאָרק, 15־טן נאָוועמבער 1956).

קומט אויס, אַז לויט ה. ל. פוקס האָט די אַרויפגעצווונגענע און „גלייכגע־שאַלטעטע” ליקווידאַציע פונם גייסטיק־שאַפנדיקן יידישן ישוב אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד זיך שוין אַנטוויקעלט און „פּראָגרעסירט” אין די דרייסיקער יאָרן. און די געבליבענע גרויסע און קלענערע יידישע שרייבער און קולטור־טוער זיינען אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געפאָרן זיך צו טרעפן מיט די פּליטים־שרייבער פונם אַמאָליקן פּוילן, און ביי אָפיציעלע צוזאַמענטרעפן און אין „פּריוואַטע שמועסן, בין אדם לחברו, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט די געפילן און שטימונגען פון וועלן זיך אָנוואָרעמען מיט אונזער יידישער נאַציאָנאַלער היימישקייט”. (אויך א ציטאַט פון ה. ל. פוקס.)

די ליקווידאַציע פונם גייסטיקן יידישן לעבן, ווי אויסגעדריקט אין דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע, פּובליציסטיק, טעאַטער און פאַרלאַגס־וועזן, איז געוואָרן פאַרענדיקט אָנהויב די 50־ער יאָרן פאַרן טויט פונם רויטן צאַר־באַטיושקאַ, אָסיפּ סטאַלין.

אָט דאָס אַלץ איז נישט מער קיין סוד, פאַר קיינעם נישט, נישט אין דער

יידישער און נישט אין דער גוישער וועלט. אין דער דאָזיקער ליקווידאַציע האָט מאָסקווע אַ סך געלערנט פון בערלין, מיט וועמען זי האָט זיך געהאַלטן אין חברותא ביז צום גרויסן אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, יוני 1941, מצד נאַצי־דייטשלאַנד.

און מיט דעם געשריי, אַז סטאַלין איז דער פאָטער פון אַלע פעלקער, איז פאַרטגעזעצט געוואָרן דער צאַריסטיש־רוסישער „קראַמיע יעווריעוו". די שאַפונג פון דעם אויטאָנאָמען באַצירק אין ווייטן מזרח האָט געזאָלט שאַפן אַ דאַמבע קעגן אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. אין אמתן, אַפילו, ווען דער פּראָביר וואָלט אײנגאַנצן געלונגען, און בירא־בידזשאַן וואָלט געוואָרן אַ שטאַרק באַפעלקערטער אויטאָנאָמער יידישער באַצירק אָדער אפילו איינע פון די רעפּובליקן אינם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וואָלט ביי די טשעקיסטישע מעטאָדן, מיטן כח פון שטאַרק קעגן דעם שוואַכן, וואָלט בירא־בידזשאַן נישט געוואָרן עפּעס אַנדערש, ווי אַ „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי,* אַן אָפּגעגרענעצטער וווינ־באַצירק פאַר יידן, ווי אין די ניקאָלאַיעווסקע צייטן.

לאָמיר דאָס געטוי סומירן: ווען אין דעם קאַלטן קריג פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד קעגן די מרב־מלוכות איז עס נאָר געקומען צו אַ שאַכמאַט, און רוסלאַנד האָט נישט געקענט אויספירן וואָס זי האָט געוואָלט, איז די קאַלטע און די הייסע מלחמה קעגן אונז יידן געווען אַ פאַלשטענדיקער דערפאָלג. איוואַן מיט זיין ברוטאַלן כח האָט דערוייל געוווּנען איבער משה, מאָסקווע האָט געזיגט איבער ירושלים, און עס זיינען נאָך דאָ נאַאיווע און פאַרבלענדעטע מענטשן, וועלכע באַהויפּטן דרייסט און פרעך, אַז אין רוסלאַנד איז אַנטי־סעמיטיזם פאַרבאָטן.

אודאי איז אַנטיסעמיטיזם פאַרבאָטן, און ווי שוין פריער געזאָגט, קעגן דעם יחיד אַלס מענטש, אַלס רוסישער בירגער, און אויך דאָס נאָר אין אַ זייער באַגרענעצטן מאַסשטאַב. די געשייענישן, פאַרבונדן מיט דער אויסראָטונג פון אַ גייסטיק יידיש לעבן, רעדט אַן אַנדערע שפּראַך. אויך די געשייענישן און די באַהאַנדלונג פון יידישע יחידים פון דער אַקאַדעמישער אינטעליגענץ אין פאַרבינדונג מיט דער פּרעסע העץ־קאַמפּאַניע סוף 1952 און אָנהויב 1953, און די כמעט פּעריאָדישע איבערשוימטע אויסברוכן פון כעס און שנאה מצד כרושטשעוו און חברים זיינען אַ סתירה צו געשריבענע און געדרוקטע געזעצן, וועלכע ווילן פאַרבלענדן די אויגן פון נאַאיווע שעפּסן־נאַכלויפערס, און זיינען סתם ביליקע פּראָפּאַגאַנדע.

עס זעט באַלד אויס, אַלס ווען דער אומשטערבלעכער דאָסטאָיעווסקי, דער רוסישסטער פון אַלע רוסישע שרייבער, וואָלט אין זיין באַרימטן ווערק „פאַרברעכן און שטראָף" אונז געגעבן דעם שליסל אַריינצודרינגען אין דער רוסישער נשמה, כדי צו פאַרשטיין סבות און מאָטיוון אין זייערע האַנדלונגען קעגן אונז יידן סיי אין לאַנד גופא קעגן דעם יידישן ישוב אין סאָוויעטן־פאַר־

* אַ תחום המושב.

באַנד און סיי קעגן דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל אַלס אַן אינזעלע אין דער פיינטלעכער אַראַבישער וועלט.

עס זעט אויס, אַלס ווען ראַסקאָלניקאָוו וואָלט לעבעדיק אַרויסגעשפּרונגען פונעם דערמאָנטן דאָסטאָיעווסקישן ווערק, און באַשטימט דעם גורל, פּירט אָן מיט דער פּאָליטיק, פונם גרויסן רוסישן מלוכה־פאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן. ראַסקאָלניקאָוו דער שאַרלאַטאַן איז נישט קיין אויסגעטראַכטער כאַראַקטער, קיין דמיון פון אַ באַרימט ליטעראַריש ווערק. ער איז ווירקלעכקייט און אמת אין אַ וועלט, וואָס ווערט רעגירט מיט ווייניק האַרץ און געפיל, מיט ווייניק שכל און אינטעליגענץ.

7

ראסקאָלניקאָוו בארגט זיך אויס א האק*

ליטעראַטור און לעבן האָבן שטאַרקע באַרירונגס־פּונקטן. זאָל דאָך ליטע־ראַטור זיין אַן אָפּשפּיגלונג פונם אמתן לעבן אין און אַרום אונז. דאָרט, ווו עס פעלן די באַרירונגס־פּונקטן, איז די ליטעראַטור אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פונם גרויסן רוישיקן לעבן אין און אַרום אונז. אַמאָל איז דער אָפּקלאַנג און רעפלעקס פון אמתן לעבן שוין אַביסל צו שטאַרק, באַזונדערס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן דעם מייסטערווערק פון אַ גרויסן שרייבער־געשטאַלטער, וועלכער, דורכ־גייענדיק אַליין אַ גרויס און קאָמפּליצירט טראַגיש לעבן, אַנטפּלעקט פאַר אונ־זערע אויגן דעם גייסטיקן און נשמהדיקן תהום פון זיינע העלדן, מיט וועלכע ער אידענטיפיצירט זיין אייגענעם איך.

לייענט אַמאָל און נאָכאַמאָל דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף" און אַ שוידער וועט אייך אַרומנעמען ביים געדאַנק, אַז דער מענטש מוז ערשט אַדורכגיין אַלע אָפּגרונטן פון נויט, אָרעמקייט, שמוץ, געמיינסטע פאַרברעכן און ברוטאַלן מאָרד, כדי אַלס ענדציל צו קומען צו אַ דערלייטערונג פון גוף און נשמה. און טאָמער ווערט איר באַצוווּנגען פון אַ רחמנות־געפיל צום סטודענט ראסקאָלניקאָוו און צו זיינע איבערמענטשלעך־טראַגישע לעבנס־דערפאַרונגען און ליידן, לאָמיך אייך זאָגן, אַז ער האָט אונזער רחמנות און מיטלייד נישט פאַרדינט. דער דאָזיקער ראָדין ראָמאַנאָוויטש ראסקאָלניקאָוו איז אַ נידריקער געוויינטלעכער עגאָאיסט און אַ געפערלעכער מענטש.

מיט עטלעכע חדשים צוריק (אַזוי דערציילט אונז דאָסטאָיעווסקי אין זיין באַרימט ווערק) איידער ער האָט דערמאָרדעט די וווכערניצע אַלאָנאַ איוואַנאָוונאַ און איר שוועסטער ליזאַוועטאַ, האָט ער אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע פאַר־עפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג מיטן טיטל „דאָס פאַרברעכן". דאָרט פירט ער אויס, אַז דאָס אויספירן פון אַ פאַרברעכן איז אייביק באַגלייט פון אַ געוויסן קראַנקהייטס־צושטאַנד. אָבער דאָס איז נישט ניי און נישט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס ער ווייזט דאָרט אָן, אַז עס עקזיסטירן אויף דער וועלט מענטשן, וועמען ס'איז דערלויבט, נאָך ווייטער, וועלכע האָבן פשוט אַ רעכט (!) צו באַגיין געוויסע פאַרברעכן, און קעגן די דאָזיקע מענטשן קען דאָס געשריבענע געזעץ פון באַשטראָפונג נישט ווערן אָנגעווענדט.

אין זיין אָפּהאַנדלונג טיילט ראסקאָלניקאָוו איין זיינע מיטמענטשן אין געוויינטלעכע און אומגעוויינטלעכע (אָדער אויסערגעוויינטלעכע). די געוויינט־לעכע מענטשן האָבן די פליכט צו זיין געהאָרכזאַם, און האָבן נישט קיין רעכט

* צוערשט אָפּגעדרוקט אין „לשון און לעבן" חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער וכו', יאַנואַר 1953, לאָנדאָן.

צו פאַרשטויסן קעגן די באַשטייענדיקע געזעצן פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען „געווייטלעכע מענטשן". די אומגעווינטלעכע מענטשן אָבער האָבן דאָס רעכט צו באַגיין פאַרברעכנס און צו האַנדלען קעגן די געזעצן פּשוט צוליב דעם אַליין, ווייל זיי זיינען „אומגעווינטלעכע מענטשן". ער טייטשט דאָס אויס, אַז דער אומגעווינטלעכער מענטש קען זיך נעמען דאָס רעכט צו האַנדלען לויט זיין געוויסן, זיך באַפרייען פון די קייטן פון אַן אָנגענומענער טראַדיציאָנעלער מאָראַל, און אין איינצלנעם פאַל, צוליב אַ גרויסער אידייע, וואָס קען דינען דער גאַנצער מענטשהייט, פאַרשטויסן קעגן דעם געזעץ. ער מיינט, אַז ווען די אַנטדעקונגען פון יאָהאַנעס קעפּלער אָדער אייזאַק ניוטאָן וואָלטן צוליב געוויסע פאַרוויקלונגען נישט געקענט ווערן דינסטבאַר געמאַכט פאַר דער מענטשהייט מחמת די שטערונגען פון אַ יחיד, פון צען אָדער הונדערט מענטשן, דאַן וואָלט ניוטאָן געהאַט דאָס רעכט אָדער אפילו דעם חוב צו פאַרניכטן די לעבנס פון דעם איינעם, פון די צען, פון די הונדערט מענטשן. דאָס וואָלט נאָך נישט געהייסן, אַז ניוטאָן האָט פאַר זיך געקענט שאַפן אַ געזעץ, יעדן ערשטן בעסטן מענטש צו הרגענען אָדער יעדן טאָג צו גנבענען. ווייטער זאָגט ער, אַז אַלע אַלטע געזעצגעבערס ביז צו סאלאָן, מחמד און נאַפּאָלעאָן — אַלע זיינען זיי ביז צו אַ געוויסער מאָס געווען פאַרברעכער: ערשטענס, ווייל לויט דעם שאַפן פון זייערע נייע געזעץ־אָרדנונגען האָבן זיי די אַלע געזעצן, וועלכע די דעמאָלטדיקע געזעלשאַפט האָט געהאַלטן פאַר הייליק און אומבאַרירבאַר, געשטירצט און באַזייטיקט, און צווייטנס, ווייל זיי האָבן נישט צוריקגעשרעקט צו פאַרגיסן בלוט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער באַפעסטיקונג און סטאַביליזירונג פון די ניי־געשאַפענע געזעצן.

ווערטלעך זאָגט ראַסקאָלניקאָוו: „די געזעץ־איבערטרעטונגען פון די דאָזיקע מענטשן זיינען נאַטירלעך רעלאַטיוו און זייער פאַרשידן. מייסטנטיילס פאַרלאַנגען זיי דעם שנוי פון די באַשטייענדיקע פאַרהעלטנישן אינם נאָמען פון אַ בעסערער צוקונפט. זעען זיי זיך געצוווּנגען צום דערגרייכן פון זייער ציל איבער מתים צו מאַרשירן, צו טאַפּטשן אין בלוט, דעמאָלט קענען זיי זיך אין זייער אינערלעכן געוויסן דערלויבן צו פאַרגיסן בלוט." „איבריגענס איז דער ענין נישט אַזוי שרעקלעך, ווי איר מיינט. די גרויסע מאַסע טיילט זיי (די אומגעווינטלעכע מענטשן—א.פּ.) קיינמאָל נישט צו דאָס דאָזיקע רעכט." די גרויסע מאַסע, מיינט ראַסקאָלניקאָוו, האַנדלט לויט זייער קאָנסערוואַטיווער באַשטימונג און ליפערט אויס די אומגעווינטלעכע מענטשן צום תליון, און אַ קומענדיקער דור פייערט זיי שפּעטער אַלס מאַרטירער און קדושים. די ערשטע, די געווינטלעכע מענטשן, דערהאַלטן די וועלט און דינען דער פאַרמערונג פון מענטשלעכן מין — זיי זיינען די קעגנוואַרט. די אַנדערע, די אומגעווינטלעכע מענטשן, זיינען די וועגווייזער פון נייע אידייען — זיי זיינען די צוקונפט. און ער פאַרענדיקט דעם פּאַסוס: „לויט מיין מיינונג האָבן די גלייך־שטאַרקע גלייכט רעכט און: “Vive la guerre eternelle!” („זאָל לעבן די אייביקע מלחמה!") נאַטירלעך נאָר ביז צום „נייעם ירושלים."

מיט דעם באַגריף פון אַ „נייעם ירושלים“ אידענטיפיצירט זיך דאָסטאָיעווסקי מיט דעם פון אים געשאַפענעם ראסקאָלניקאָוו. סטעפאַן צווייג שרייבט אין אַ גרויסער אָפּהאַנדלונג איבער דאָסטאָיעווסקי: „. . . ווי ציטערט דאָסטאָיעווסקיס קול, ווען ער רעדט פונם דריטן רייך, פון דעם אַלרוסלאַנד פון דער גאַנצער ערד, ווי ציטערט ער אין דעם עקסטאַז פון גלויביקייט, ווי ווונדערבאַר ער איז, דער אַלוויסנדער פון אַלע ווירקלעכקייטן, אין זיין מעסיאַנישן חלום.“

ווען סטעפאַן צווייג האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָט ער נאָך נישט געוווסט, אַז אַ היטלער וועט קומען אויפצובויען דאָס דריטע רייך מיטן כח פון „אומגעוויינטלעכע מענטשן“, וועלכע, כדי צו דערגרייכן זייער ציל, מאַרשירן זיי איבער מיליאָנען טויטע, טאַפּטשן אין בלוט, און רואיק בלייבט זייער „אינערלעך געוויסן“. אויך היטלערס קול האָט געציטערט, ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין „דריטן רייך“ און זיין אייביק מעסיאַנישן חלום, נאָר ער האָט עס נישט אָנגערופן „ניי־ירושלים“.

„די גלייך־שטאַרקע זאָלן האָבן גלייכע רעכט“, זאָגט דאָסטאָיעווסקי, און זיין ניי־ירושלים הייסט: אַלרוסלאַנד אויף דער גאַנצער וועלט, און ווערטלעך געמיינט: „יעדער מענטש מוז צוערשט זיין אַ רוס“, און די פירער זאָלן זיין די מאַרטירער, די טראַגישע געשטאַלטן דאָסטאָיעווסקיס, „פון די תפיסות דרינגען זיי אַרויס, פון סיביריעס קאַטאָרגע מיט קלינגענדיקע קייטן, פון די הינטערשטע חדרים, באַרדעלן און קלויסטער־צעלן — זיי אַלע, די גרויסע ליידנדע פון דער ליידנשאַפט“. (סטעפאַן צווייג אין זיין בוך „באַלזאַק, דיקענס, דאָסטאָיעווסקי“.)

פון דעם דאָ געזאָגטן איז לייכט אַרויסצוגעפינען, אַז ביי דאָסטאָיעווסקין האָבן ליטעראַטור און לעבן די נאָענטסטע באַרירונגס־פּונקטן. זיין ראַסקאָלניקאָוו איז נישט סתם פיקציע, נאָר אַ שטיק רוסיש לעבן, אַ שטיק פונם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, פאַראייביקט אין אַ גרויס ליטעראַריש ווערק, אַ תהום פון פינצטערקייט און גרויס־מענטשלעכער טראַגיק.

ראסקאָלניקאָוו מיט זיין טעאָריע פון צוויי מינים מענטשן, דער ליידיקגייער ראסקלאָניקאָוו און ראַפינירטער אינטעלעקטועלער, איז נישט ווייניקער פּאַראַזיט, ווי די וווכערניצע אַלאָנאַ איוואַנאָוונאַ, וועמען ער דערהרגעט קאַלטבלוטיק. זיין דיאַלעקטישע איבערגעשפּיצטקייט און חכמות, און זיין טראַגישער וועג דורך ליידן צו אינערלעכער לייטערונג רופן ביי אונז נישט אַרויס קיין רחמנות און מענטשלעכע סימפּאַטיע, ווייל — מיט צוויי חדשים שפּעטער, נאָך דעם אָנשרייבן פון זיין אַרטיקל „פאַרברעכן“, באָרגט ער זיך אויס אָדער גנבעט אַ האַק פון אַ שכן און דערהרגעט קאַלטבלוטיק אַ שוצלאָזן מענטש, ער, ראסקאָלניקאָוו, דער „אומגעוויינטלעכער מענטש פון אַ העכערן מין“.

און פרעמד וועט אונז בלייבן זיין טעאָריע איבער דעם באַזונדערן רעכט פון די „אומגעוויינטלעכע מענטשן“, און אָפּהיטן זאָל אונז דער גורל פון זייער באַגריפן וועגן דער „אייביקער מלחמה“ ביז צו זיין „נייעם ירושלים“!

8

דער גרויסער חבר באַטיושקאַ*

דעם צווייטן טאָג פון חודש מערץ 1953 האָבן די עטער־כוואַליעס גע־ברענגט די ידיעות פון מאָסקווע, אַז דער גרויסער סטאַלין, דער אומגעקרוינטער קעניג פון אַלע רייסן און הונדערט פעלקערשאַפטן פונם סאָוויעטישן־פאַרבאַנד און דער דאַלאַי־לאַמאַ פון אַלע קאָמוניסטישע פאַרטייען אין דער גאַנצער וועלט, ליגט אין גסיסה און קעמפט מיט די לעצטע אָטעם־צוגן. די קורץ־צוגעשניטענע בולעטינען האָבן אין זייער אומגעוויינטלעכן טאָן נישט געקענט באַהאַלטן אַ באַשטימטע נאָטע פון פחד און פּאַניק פאַר דעם אומבאַוווסטן, וואָס וועט קומען און זיין נאָכדעם, ווען סטאַלין וועט נישט מער זיין אויף אונזער וועלט.

סטאַלין איז טויט, און מיט אים איז אַוועקגעגאַנגען איינער פון די טיטאַנען, פון די געציילטע גרויסע פערזענלעכקייטן, פון די „אומגעוויינטלעכע" מענטשן, וואָס לייגן אַרויף זייער חותם אויף דער קעגנוואַרט און אויף שפּעטערדיקע דורות — איינער פון די „מענער, וואָס מאַכן געשיכטע".

אין די אויפגערעגטע יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות זיינען מיר געוואָרן געפּאַשעט מיט שרייערישע פּאַראָלעס און שלאָגווערטער, פון וועלכע אַ סך זיינען געוואָרן שפּראַכלעכע אידיאָמען אין טאָגטעגלעכן לעבן. ס'איז געווען מוסאָליני, דער גרויסמויליקער פאַשיסטישער הויכשטאַפּלער, וועלכער, אין זיין אַמביציע צו ווערן אַ צווייטער נאַפּאָלעאָן אָדער אויגוסטוס צעזאַר, האָט אויפגעפרישט די לאַקאָנישע טעזע, אַז מענער מאַכן געשיכטע, שטעלנדיק זיך אַליין, זיין אייגענע פּערזאָן, אין פאָדערגרונט פון הערשן, באַהערשן און פאַר־געוואַלטיקן זיין פאָלק און אַנדערע פעלקער אַרום זיך.

נאָך לאַנג איידער מוסאָליני און היטלער זיינען געקומען צו מאַכט, אין דער צייט, ווען די וועלט האָט געגלויבט, אַז נאָכן צוזאַמענברוך פון דער דייטשער קייזערלעכער אימפּעריע ס'וועט אַנטשטיין אַ פריי רעפּובליקאַניש דייטשלאַנד, אויפגעבויט אויף די העכסטע הומאַניטאַרע און דעמאָקראַטישע יסודות, איז דאָרט אין דייטשלאַנד אַרויפגעשווומען די אַלט־נייע פילאָזאָפיע פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער מיסיע אָדער שליחות פונם דייטשן פאָלק, פון דער באַהערשונג פון אַלע שוואַכע און קלענערע פעלקער מחוץ דייטשלאַנד, פונם „דראַנג נאָך דעם אָסטען" (אויסשפּרייטונג אין מזרח) אויטער דער אָנ־פירונג פון אַ גרויסער פירער־פערזענלעכקייט, איינעם פון יענע „מענער, וואָס מאַכן געשיכטע".

* געשריבן אַ פּאָר טעג נאָכן טויט פון אָסיפּ סטאַלין און פאַרעפנטלעכט אין „לשון און לעבן", לאָנדאָן, אַפּריל 1953.

קוקן מיר זיך צו צו זיין מיסטעריעזן לעבן, ווייסן מיר, אַז אַנדערש איז געווען דער וועג פון סטאַלין, און אַז ער איז אויף אַן אַנדערן אופן געקומען צו דער מאַכט, ווי אַ היטלער, מוסאָליני און די אַנדערע קלענערע דיקטאַטאָרלעך, וועלכע האָבן באַהערשט דעם טומלדיקן פּאָליטישן יאַרמאַרק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. סטאַלין איז געגאַנגען אין חדר אין איינער פון די באַרימטסטע פּאָלקס־באַוועגונגען פון זיין צייט, אין דער אַלרוסישער אָדער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע האָט אין איר צייט אַרויסגערופן באַוואונדערונג און דרך ארץ אין דער גאַנצער פרייהייט־ליבענדער וועלט.

רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אויפן מאַרש צו זייער רעאַליזאַציע, צו דער פאַרווירקליכונג פון זייערע אידעאַלן, אַנטוויקלען זיך קיינמאָל נישט לויט אַ געאָרדנטן מאַטעמאַטיש־אויסגעאַרבעטן פּלאַן און סדר. צייט און אומשטענדן פלעכטן אַריין נישט־פאַרויסגעזעענע מאָמענטן פון דראַמאַטיק און טראַגיק. עס איז אַ גראַנדיאָז שפּיל פון נייע כחות, וועלכע שאַפן אַ נייע מענטשלעכע געזעל־שאַפט און אָרדנונג קעגן אַלטע און פאַרעלטערטע כחות, וועלכע האָבן ביז איצטער באַזעסן די אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער מלוכה און פאָלק, עקאָנאָמיע און געזעלשאַפט, גייסט און מאַטעריע.

סטאַלין האָט געהערט צום לינקן פליגל פון דער אַמאָליקער אַלרוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אַלס גאַנצקייט, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רעוואָלוציאָנערע און בונטאַרישע פּאַרטייען, געגלויבט אין דער דעמאָקראַטיע אַלס מיטל און אינסטרומענט פון הערשן און רעגירונגס־פאָרם. אַלע צוזאַמען, די דעמאָקראַטישע און נישט־דעמאָקראַטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דעם זעלבסט־הערשערישן צאַריזם, דער הויף־קאַמארילע און דער אומבאַגרענעצטער געוואַלט פון דער אָכראַנע און דעם אומהייליקן „הייליקן" סינאָד, האָבן פון אָנהויב אָן געשטעלט אין פאָדערגרונט נישט די מלוכה, דעם שטאַט, נאָר דאָס פאָלק, די מאַסן פון פאָלק: פויערן און אַרבעטער. די פויערן און אַרבעטער זיינען געוואָרן דער אַפּגאָט און אידעאַל פון די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען און פּאַרטייען. זיי, די גרויסע פאָלקסמאַסן, צו געווינען פאַר דעם גרויסן קומענדיקן באַפרייאונגס־קאַמף קעגן די הערשנדיקע געוואַלטן, איז געווען דער אלף און תוו פון זייערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען. יאָ, עס זיינען אויך געווען פּראָגרעסיווע עלעמענטן פונם בירגערטום און דער שטאָטישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די בונטאַרישע באַוועגונגען, אָבער דער הויפּט־פאַקטאָר סיי אַקטיוו, סיי פּאַסיוו, סיי אַלס פרייהייטס־קעמפער און סיי אַלס שפּעטערע עווענטועלע געניסער פון דער קומענדער פרייהייט, איז געווען דאָס פאָלק.

די פירער און אָנפירער פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אינטעליגענץ, כאָטש זיי זיינען געווען די לערער, צוגרייטער און וועג־ברעכער פון דער קומענדער רעוואָלוציע, זיינען אין זייערע אייגענע אויגן נישט געווען מער ווי אינסטרומענטן, ווערקצייג אין דער גרויסער מאַשינעריע פון אויפברוך, וואָס

וועט און מוז קומען. עס איז נישט געווען די רייד פון דער געטלעכער באַשטי־מונג פון מענער, וואָס מאַכן געשיכטע; פון עפּעס סאָציאַליסטישע נאַפּאָלעאָנען, אויף וועמען די שטיינערנע פּיראַמידן האָבן געוואַרט צוויי טויזנט יאָר; פון רעוואָלוציאָנערע צעזאַרן, וועמען די מאַסע מוז פאַרגעטערן ביי אַלע געלעגנ־הייטן; וועמען דאָס פאָלק איז שולדיק זיין אָטעם, זיין לעבן פון דער פרי ביז צום שלאָפן גיין, אין פאַבריק און אין דער היים, אין דער שענק, אין קירך און אין קלוב צווישן חברים און פריינט. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין רוסלאַנד האָבן אין זיך געהאַט אַ סך פון אַ פאַנאַטישן רעליגיעזן גלויבן, וואָס פאַרטרעט אַ הייליקע זאַך, אָבער זיי זיינען געווען פריי פון דעם מיסטישן שווינדל פון אַ געטלעכער אָדער גורלדיקער באַשטימונג פון געזאַלבטע פּירערס, וועמענס וואָרט איז אַ הייליק געבאָט, פון וועמענס קאַפּריזן, גוטן אָדער שלעכטן ווילן ס'איז אָפּהענגיק גליק אָדער אומגליק, ווילזיין אָדער אונטערגאַנג פון אַ יחיד אָדער כלל.

איך האָב געזאָגט, אַז סטאַלין האָט געהערט צום לינקן פליגל פון דער אַמאָליקער אַלרוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געגלויבט אין דעמאָקראַטיע. אָבער באַלד נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָ־לוציע אין 1905 איז דער דאָזיקער פליגל אונטער דער אָנפירונג פון לענין געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע באַוועגונג מיט אַן אייגענעם פּראָגראַם, אַ ראַדי־קאַלע אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישע פאַרטיי, וואָס איז גרייט געווען צו די אויסערסטע קאַמף־מיטלען אויפן וועג צו פאַראַכפּן די מאַכט. דאָס האָט די דאָזיקע פאַרטיי באַוויזן אין יאָר 1917 נאָך דער אַזויגערופענער מענשעוויסטי־שער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין אַ קאָנסטי־טוציאָנעלער דעמאָקראַטישער רעפּובליק מיט אַ פרייען געזעצגעבערישן פאַרלאַמענט. פאַר לענין און טראָצקי, די אָנפירער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז דאָס געווען צו ווייניק. מיט דער הילף פון לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן זיי אינסצענירט אַ נייעם גרויסן פאָלקס־אויפשטאַנד, און אינם נאָמען פון פאָלק, אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערן־מאַסן, האָבן זיי פאַר־כאַפּט די מאַכט, וועלכע זיי האַלטן (איצטער און פון לאַנג אָן שוין אָן דער הילף פון די ס.ר. און אַלע אַנדערע אַרבעטער־פאַרטייען, וועלכע זיינען מיט געוואַלט געוואָרן באַזייטיקט און ליקווידירט) פעסט אין זייערע הענט ביזן היינטיקן טאָג.

פון יענער צייט אָן האָט סטאַלין אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָלע אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג און אין דער מלוכהשער מאַכט, און נאָך לענינס טויט האָט ער אפילו איבערגעטרומפּט אַזאַ גייסטיקן פּולווערפאַס ווי לעאָן טראָצקי, און איז געוואָרן דער אומבאַגרענעצטער הערשער פון דער גרעסטער מלוכהשער מאַכט, דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד, דער גרעסטער אימפּעריע אויף אונדזער ערד־פּלאַנעט.

די וועלט ווייס, אַז דאָס וואָס ער, סטאַלין, האָט דערגרייכט איז געשייען מיט גרויסע אוממענטשלעכע קרבנות; מיט טרערן, שווייס און בלוט פון מיליאָנען מענטשן סיי אין צייט פון די בירגער־מלחמות, סיי אין צייטן פון

ווידער־אויפבוי און סיי אין צייט פון דער לעצטער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד. אומעטום איז ער געווען די צענטראַלע פיגור, אומעטום האָט ער אַרויפגעצוואונגען זיין אייזערנעם, זיין שטאָלהאַרטן, זיין סטאַלינישן ווילן. מיט געזעצלעכע און נישט סתם־אַזוי געזעצלעכע מיטלען האָט ער באַזייטיקט אַלע מניעות, אַלע זיינע אמתע און כלומרשטדיקע אָפּאָנענטן, מאַנכנדיק דעם תליון און דעם סטראַזשניק פאַר וויכטיקע עקזעקוטאָרן פון דער מלוכהשער מאַכט.

אַ גרויסער טייל יידן אין דער גאַנצער וועלט, אפילו די וואָס זיינען געשטאַנען מחוץ פון דער באַלשעוויסטישער באַוועגונג און אירע אידייען, האָבן מיט באַוואונדערונג און פריינטלעכער נייטראַליטעט נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין רוסלאַנד. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט אַוועקגעגעבן די בעסטע כחות דעם נייעם רעזשים. דער טייל יידן מחוץ דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט אויך געגלויבט, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג פון אונזער יידישן פאָלקס־טייל דאָרטן איז אַ פאַקטישע, אמתדיק געמיינט, מלוכהיש סאַנקציאָנירט און פאַר אַלע אייביקייטן פאַראַנקערט אין דער געזעצגעבונג, אינם איינקלאַנג מיט די אידעאַלע באַשטרעבונגען פון אַ לאַנד, וואָס פּרעטענדירט צו זיין סאָציאַליסטיש.

ווי מיר ווייסן איז דאָרט אין סטאַלינס לאַנד פאָרגעקומען אַ שינוי אין באַציאונג צו אונז יידן. צי דער שינוי איז אידייאָלאָגיש אָדער נישט, אָבער אָן שום ספק איז דער גאַנצער נייער קורס לגבאי יידן אַ ביליק אָפּאָרטוניסטישער, פון וועלכן די הערשער פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד גלויבן צו האָבן געוויסע געווינסן פאַר זייער לאַנד און רעזשים.

דער דאָזיקער אָפּאָרטוניזם דערמאָנט אונז אַזוי שטאַרק אין פּאולוסעס שטעלונג צו אונז יידן מיט נײַנצן יאָרהונדערט צוריק. אפשר איז סטאַלין פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג געווען דאָס, וואָס פּאולוס פאַרן קריסטנטום. פּאולוס האָט די קריסטלעכע באַוועגונג (אין איר כמותדיקער קליינהייט דעמאָלט) אַרויסגענומען פון איר פּרימיטיווקייט און פּשוטער גלויביקייט און האָט מיט אַלע מיטלען, גלייכע און קרומע, געשאַפן די פונדאַציעס פאַר אייביקייטן. ער האָט דעם אורקריסטנטום געגעבן טעזעס און דאָגמעס און אויפגעשטעלט אַ היעראַרכיע מיט אַ מלוכהשער דיסציפּלין. דאָסזעלביקע איז סטאַלינען געלונגען אין אַ פיל גרעסער מאָס, און דאָס נאָך אין אַ גרעסערן פאַרנעם.

ווי אַזוי דאָס איז געשייען, אַט די באַפעסטיקונג פונם קריסטנטום אַלס וועלט־רעליגיע, און היינט דעם קאָמוניזם אַלס רעבעלישע בעוועגונג אין אָפּגעשטאַנענע און מאָדערנע לענדער, דאָס איז איינע פון די מיסטעריעס פון אונזערע צייטן. איןביידע באַוועגונגען האָבן מיר יידן, באַדינגט פון אונזער געשיכטע, מהות און טראַדיציע, באַוויזן צו בלייבן אַן אומאָפּהענגיקער כח. און . . . אורטיילנדיק די געשייענישן פון די לעצטע יאָרן אין קאָמוניסטישע לענדער, און די אָפיציעלע באַציאונג פון זייער היעראַרכיע און שפּרעך־אָרגאַנען צו אונז יידן, איז ליידער דאָרט אַנטשטאַנען אַ שנאהדיקע באַציאונג צו אונז, ווי בשעת דעם פּאולינישן קריסטנטום. דאָס האָט זיך דאָך אָנגעהויבן נאָך

אידער סטאַלין איז געשטאָרבן. קענענדיק די הויכע אומאָפּגעשטריטענע אויטאָריטעט און ראָלע פון סטאַלין, דעם חבר באַטיושקא, דעם „פאָטער פון אַלע פעלקער״, דעם גדול גבור ונורא, קען קיינער נישט זאָגן, אַז ס׳איז געשייען אָן זיין וויסן, אָן זיין הסכמה און אייזערנעם ווילן.

סטאַלין האָט אין צייטן פון זיין לעבן שוין געהערט צו די גדולים פון דער וועלט, וואָס האָט דערגרייכט אַ סך פאַר זיין לאַנד און פאַר זיך. און דערגרייכט האָט ער אַלץ דאָס מיט כח, בלוט און טרערן, מיט כיטרעקייט און געוואַלט. מען האָט געהאָפט, אַז נאָך סטאַלינס טויט וועט דער טריומפיראַט, וואָס רעגירט היינט אַלס קאָלעקטיווע פירערשאַפט, קומען צום באַשלוס פון אַ בעסערער און ערלעכער באַציאונג צו אונז יידן אין דער וועלט און צום גרויסן יידישן ישוב אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אויך האָט מען געהאָפט, אַז עס וועט קומען אַן ענדערונג און בעסערע באַציאונג צו דער גאַנצער איבריקער וועלט און צו די פעלקער וואָס שטרעבן פאַר שלום און פרייהייט, ברויט און קולטור, אויפבוי און ציוויליזאַציע. די געשייעניש אין די לעצטע יאָרן האָבן אונז באַוויזן דאָס קעגנטייל. מאָסקווע האָט אָנגענומען אַ סך פון די מעטאָדן פונם באַזיגטן בערלין. איוואַן און פיאָדר האָבן נישט קיין גוטס געלערנט פון האַנס און פרידריך. קאָמוניזם אַלס פּאָליטישער כח האָט אָנגענומען די מעטאָדן פון פאַשיזם אין איר קאַמף פאַר ווייטערער עקספּאַנסיע. מאָסקווע און בערלין שטייען געאייניקט אין זייער קאַמף קעגן דעם אייביקן ירושלים.

9

LEST WE FORGET!

די וועלט פֿאַרגעסט! און אַז די וועלט פֿאַרגעסט, מוזן מיר די וועלט אויפוועקן און דערמאָנען, אַז מיר ווילן אויך לעבן און עקזיסטירן. מיר מוזן מאָנען און וועקן! לאָמיר לערנען פון דער חכמה פון אונזער גרויסן רבי, פּרץ, אַז אין צייטן פון שטרייט, ד. ה. אין צייטן פון נסיונות און רדיפות, גרושים און פאַרפאָלגונגען, מוזן מיר „שאַפן אינסטיטוטן צום אָפּוער, צום פאַרהיטן, צום שיצן — זיך און די איריקע, און דעמאָלט איז זי (אונזער ידישקייט—א.פ.) קאַמף און העלדן־געזאַנג". מיר קענען זיך קיין סך אויפן יושר פון דער וועלט און די פעלקער נישט פאַרלאָזן. זיי האָבן זיך זייער אייגענעם צוגאַנג צו געשייענישן און אויסווירקונגען. אָבער מיר מוזן אייביק האָבן אונזערע אינסטיטוטן צום אָפּוער, צום פאַרהיטן און צום שיצן, און אָרענטלעכע פירערס און פאַרטרעטער, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע אינסטיטוטן.

האָבן מיר דאָס אייביק אַזעלכע אינסטיטוטן?

עס הערן זיך שטימען:

„פרעגט נישט וואָהין?
מיר ציען, מיר ציען.
אַזוי איז ס'געבאָט
פון אוראַלטע צייטן.
אברהם איז געצויגן,
יעקב איז געצויגן.
אַלע געצויגן פון לאַנד צו לאַנד,
אַלע געבויגן איבער וועגן און קאַראַוואַנען,
מיטן וואַנדערשטאָק אין וועגהאַרטער האַנד,
נישט וויסנדיק וואָהין און וואַנען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייס קיינמאָל נישט, וווּ מנוחה איז,
מנוחה דורכגעזאַפּט מיט טרערן, שוויס און בלוט,
אַ בליק געשווינט צעבראָכן אין צוויי,
אין איין געשריי: פאַרביי, פאַרביי!
ווען אויך די זון אין פנים געשיינט,
מיר וואַנדערן, מיר ציען,
און ווידער דרענגט אונז גאָט,
און ווידער באַפעלט ער אונז
זיין אייביקן רוף: צי ווייטער און ווייטער,
לך לך, לך לך!" — — —

(פון קאַרל וואָלפסקעהלס „די שטימע רופט",
דערשינען מינכען 1934)

פון וואַנען גייט איצטער די נסיעה איבער וועגן און קאַראַוואַנען, מיטן וואַנדערשטאָק אין וועגהאַרטער האַנט? דאָס מאָל ווידער פון מצרים, ווי נעכטן און אייערנעכטן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, פון נאַצי־דייטשלאַנד.

און אַלץ, וואָס ס'איז דאָרט, אינם היינטיקן מצרים, פאַרבונדן מיטן נייעם גירוש פון יידן, דערמאָנט אונז אַזוי שטאַרק די עראַ היטלער, עס טראָגט די חתימה פונם נאַציזם און דעם שטעמפּל פון בערלין.

און מאָסקווע האָט אויך איר האַנט אין שפּיל. מאָסקווע שפּילט דאָ די ערשטע פידל.

דערמאָנט אייך, ווי מיט אַ יאָר צוריק ס'איז געוואָרן באַקאַנט די גרויסע וואָפן־ליפערונגען פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד צום נייעם מצרים אונטער דער אָנפירונג פונם יונגן קאָלאָנעל נאַסער. די „קאַווירים" בולגאַנין און כרושטשאָוו זיינען פאַר דעם געוועזן אויף אַ גרויסן טורנייי אין אינדיע, בורמאַ און אַנדערע לענדער פונם מיטעלן און ווייטן מזרח, וו זיי האָבן געפייערט גרויסע טרומפן אַלס די באַשיצערס פון די פעלקער, וועלכע האָבן זיך באַפרייט „פונם מערב־אייראָפּייאישן אימפּעריאַליזם". זיי האָבן געשכורט, געבאַנקעטעוועט, געשטיפּט און געלאַכט, זיך אויסגעמישט מיט די פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער גרויסע שמחה פאַר די „רוסישע ברידער".

עס איז געקומען צום אויסדרוק דער נייער קורס אין רוסלאַנד: צו זיין שאַרמאַנט און „באַחנט". מען שכורט, באַנקעטעוועט, מען הוליעט און מען לאַכט, און דערביי האַלט מען רעדעס און רעדעס. מיטן שאַרפן צינגל זאָגט מען דעם גאַסטגעבער די פיינסטע קאָמפּלימענטן און געפינט אויס די חטאים פון דער „קאָנקורענץ", כדי אַזוי אַרום אַריינצוברענגען אַ שפּאַלטונג אין דער מחנה פונם קעגנערישן לאַגער.

מיט איבער אַ יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן די „עגיפּטישע סעזאָן". און אויך די מערב־אייראָפּייאישע לענדער זיינען נישט צוריקגעשטאַנען אינם וועט־קאַמף פון פאַרזאָרגן נאַסערס פאַשיסטישן רעזשים און לאַנד מיט מאָדערנע כלי זיין. יאַן באַלל, דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פונם „דיילי טעלעגראַף", שרייבט אין דער אויסגאַבע פונם 28־טן דעצעמבער 1955, אַז שוין פון סעפּטעמ־בער אָן זיינען געוואָרן געלאָדענט און טראַנספּאָרטירט אויף דריי מצרישע שיפן געוויסע רעפּאַרירטע און אומגעבויטע מיליטערישע מכשירים און מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אַמאָל געהערט צו דער בריטישער אַרמיי, געוויס אין כמות אויס־צושטאַפּירן עטלעכע מצרישע פּאַנצער־רעגימענטן. אין אַנטווערפּן זיינען גע־וואָרן פאַרלאָדן 190 זעכצן־טאָניקע וואַלענטיין־טאַנקן, 24 טרעגערס פון ברען־האַרמאַטן און 45 פּאַנצער־אויטאָמאָבילן. צו דעם קומען נאָך צו 160 רעמאָנ־טירטע מיליטערישע דזשיפּס.

51 וואַלענטיין־טאַנקן, וועלכע זיינען סוף 1955 געווען אויפן וועג קיין אַלעקסאַנדריע אויף דער 2,700־טאָניקער מצרישער שיף „על קאהירא" האָבן פאַרלאָזט בעלגיע אונטער דער אָפיציעלער באַצייכנונג פון „וואַלענטיין־טראַקטאָרן".

דאָס איז, וואָס עס האָט געזעען איין קאָרעספּאָנדענט, עס האָט קיינער נישט פיל געזעען, וואָס רוסלאַנד האָט געשיקט, און דעם שלח מנות, וואָס די אייזענהויער־דאַלעס אַדמיניסטראַציע האָט געשיקט קיין מצרים. יעדער האָט געוואָלט נושא חן זיין אין די אויגן פון אויפשטייגנדיקן איסלאַמישן פירער אַבדעל נאַסער, ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, עס האָט יעדער געוואָלט נושא חן זיין ביי היטלערן און זיין „טויזנטיאָריקן דריטן רייך".

קעגן וועמען? קעגן אַ קליין פּיטשעדיק מדינהלע, באַוווינט פון די אַמאָל פאַריאָגטע און פאַרפּאָלגטע, געצויגן פון לאַנד צו לאַנד, געבויגן איבער וועגן און קאַראַוואַנען, נישט וויסנדיק וואוהין און וואַנען".

די „עגיפּטישע סעזאָן" איז אַריין אין דער מאָדע. אַנהויב מערץ קומען אָן די ידיעות פון אַמאַן אינם קעניגרייך יאָרדאַניע, אַז קעניג הוסיין האָט באַזייטיקט דעם גענעראַל דזשאָן באַגאָט גלוב, באַקאַנט אַלס גלוב פּאַשאַ, שעף פון הויפּט־שטאַב פון דער יאָרדאַנישער אַרמיי. ניין, נישט באַזייטיקט, נאָר אַרויס־געשטויסן מיט אַ קורצער נאָטיץ, מיט אַ קאָפּיע „פּאַשאָל אַרויס". דערמיט האָט קעניג הוסיין נאָכגעגעבן דעם אויסערן דרוק פון קאָלאָנעל נאַסער אין קאַירע, דעם אומבאַשטריטענעם פירער פון דער פּאָליטישער איסלאַמישער וועלט.

אין די סירישע אָפיציעלע קרייזן איז די באַזייטיקונג פון גלוב־פּאַשאַ געוואָרן באַצייכנט אַלס אַ געוואַגטער מיטל איבערצוגעבן די אָנפירונג פונם אַראַבישן לעגיאָן צו אייגענע מיליטערישע שעפן. דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער יאַשאַד באַרמאַדא פון דמשק האָט באַטאָנט, אַז דאָס איז אַן אָנגענעמע מעלדונג פאַר דער אַראַבישער וועלט.

און ענגלאַנד האָט דערמיט געליטן אַ גרויסע מפּלה אינם נאָענטן מזרח. פערציק יאָר חנפענען זיך צו דער אַראַבישער וועלט איז צוזאַמענגעפאַלן ווי זייפן־בלאָזן. פאַר מצרים איז דאָס געווען אַ גרויסער נצחון.

און עס זיינען ווייטער אָנגעקומען „אָנגענעמע מעלדונגען פאַר דער אַראַבישער וועלט", וועלכע האָבן דערפירט צו דער נאַציאָנאַליזאַציע פונם סועץ־קאַנאַל, און דעם גרויסן אויפרודער אין דער מערב־אייראָפּייאישער וועלט, באַזונדערס אין גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך.

און ס'איז אויך געקומען צו די לאַנג־געצויגענע פאַרוויקעלטע פאַרהאַנדלונגען אויף די לאָנדאָנער און פּאַריזער קאָנפערענצן און דעם גרויסן פּאַראַט פון דער אייזענהויער־דאַלעס אַדמיניסטראַציע קעגן אירע מערב־אייראָפּייאישע פאַרבינדעטע: ענגלאַנד און פראַנקרייך.

„לעסט ווי פאַרגעט!" די אַפּיזמענט־פּאָליטיק פון די דרייסיקער יאָרן חזרט זיך איבער. דאָס מאָל מצד דער גרויסער מערב־דעמאָקראַטיע צפון־אַמעריקע און די „פרייהייטס־קעמפער" פון דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער סועץ־קריזיס, נאָכדעם, ווי נאַסער האָט נאַציאָנאַליזירט די סועץ־קאַנאַל־געזעלשאַפט (אָדער ווי אַ סך מיינען דעם

סועץ־קאַנאַל גופא), און עס האָט זיך נאַטירלעכערווייז געשאַפן די פעסטע און אַנטשלאָסענע פאַרבינדונג צווישן גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך, וועמענס לעבנס־אינטערעסן עס זיינען געוואָרן באַדראָט דירעקט און אומדירעקט, האָט די בריטישע רעגירונג אונטער דער אָנפירונג פון סיר אַנטאָני אידען מוטיק און אָפן דערקלערט, אַז זיי וועלן קעגן דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזאַציע קעמפן, און אַז דער קאַנאַל מוז אַלץ וואַסערוועג בלייבן אונטער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל לויט דער אָפּמאַכונג פון דער קאָנווענץ פון 1881 אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. זי, די בריטישע רעגירונג, איז נישט גרייט צו קיין שום פשרות און „אַפּיזמענט“ מיט נאַסערן מחמת די ביטערע דערפאַרונגען אין די דרייסיקער יאָרן, ווען קאָמפּראָמיסן און „אַפּיזמענט“ מיט די דאַמאָלטיקע דיקטאַטאָרן פון גרעסערן פאָרמאַט האָבן נישט געפירט צו קיין גוטס. זייער אַפּעטיט (פון די דיקטאַטאָרן) וואַקסט ביים עסן, און זייערע אָפּמאַכונגען זיינען נישט קיין אָפּמאַכונגען, ווייל זיי האַלטן נישט קיין וואָרט. געגוג באַקאַנט איז די פאַרנעפּעלטע און פאַרוואַסערטע האַלטונג פון דער צפון־אַמעריקאַנישער רעפּובליק מיט איר פאַרשלעפּונגס־טאַקטיק, וועלכע האָט געפירט דערצו, אַז בריטאַניע און פראַנקרייך זיינען אַריבער צו אַ דירעקטן אָנגריף אויף מצרים אין דער סועץ־קאַנאַל־זאָנע, אַן אַקט, וועלכער האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, און זי געשפּאַלטן אין צוויי מחנות מיט אַמעריקע, צום ערשטן מאָל אין אונדזער צייט, אַלס אָפּענעם שונא און קעגנער.

עס איז נישט וויכטיק איצטער די פראַגע, צי דער אָנגריף פון ישראל צוערשט און די נאָכפאָלגענדיקע אַטאַקע פון די געמיינזאַמע בריטיש־פראַנצויזישע כוחות נאָכדעם, זיינען געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך. אָבער זיכער איז, אַז די האַלטונג פון צפון־אַמעריקע מיט אייזענהויערן בראש, און די אָפּאָזיציע פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אונטער גייטסקעל אינם בריטישן פּאַרלאַמענט, האָבן דעם נצחון פון די ישראלישע כוחות אינם מדבר פון סיני און דעם גוט־פּלאַנירטן אָנגריף פון די בריטיש־פראַנצויזישע שטרייט־כוחות פאַרוואַנדעלט אַ גרויסע און יושרדיקע אַקציע קעגן אַ בלוטיקן פּראָוואָקאַטאָרישן רעזשים צו אַ גרויסער אייראָפּייאישער טראַגעדיע פון באַזונדערן מאסשטאב. גייטסקעל, וועמענס פאַרהאַלטן בשעת די דעבאַטן און אָפּשטימונגען אין בריטישן פּאַרלאַמענט זיינען געווען ענלעך צו אַ קליינשטאָטישן בעלפער. וועלכער גלויבט, אַז ער קען בעסער אָנפירן מיטן חדר ווי דער מלמד אַליין, און אייזענהויער, דער גוטמוטיקער פאָטער און „האַרציקער באַשיצער פון די שוואַכע און די שטאַרקע“ האָבן אין זייער פאַלש־פאַרשטאַנענעם אידעאַליזם געהאָלפן נישט דעם שלום און נישט דעם יושר, נאָר דער פינצטערער רעאַקציע פונם רויטן אימפּעריאַליזם און דער געלער רעאַקציע פונם אויפשטייגענדיקן איסלאַם און פּאַן־אַראַביזם.

מען וואָלט געוואָלט האָפן, אַז דער קורצזיכטיקער אייזענהויער וועט איצטער, נאָך איידער עס איז צו שפּעט, דערקענען די אמתע לאַגע, אין וועלכער די פרייע דעמאָקראַטישע וועלט געפינט זיך, און זיך געשווינט צוריקקערן צו דער

מחנה, צו וועלכער ער געהערט, ווען נישט וועלן די זאַמדן פון די מצרישע מדבריות אים פאַרשיטן די אויגן און ער וועט אינגאַנצן ווערן בלינד קעגנאיבער די נויטן פון זיינע אמתע פריינט.

מיר וויסן קלאָר, אַז אייזענהויער איז נישט קיין רוזעוועלט, און האָט נישט דעם ווייטבליק פון אַן אָדלער און דעם זכרון פון אַ העלפאַנט, כדי צו קענען זעען די סכנות, וועלכע לויערן ביי די ברעגעס פון נילוס; געפאַרן, וועלכע נעמען אַרום נישט נאָר דעם נאָענטן מזרח, נאָר די גאַנצע אייראָפּייאישע קולטור־וועלט, צו וועלכער עס געהערן אויך די צפון־אַמעריקאַנישע רעפּובליק און די קאָמאַנוועלטה פון אויסטראַליע און קאַנאַדע. די פאַרביטערונג קעגן אַמעריקע און אייזענהויערן באַזונדערס אין פראַנקרייך קען ווערן אויסגעדריקט אין אַ באַמערקונג, סומירט אין אַ פּאָר ווערטער פון מוסיע זשאַק סוסטעל, אַ געוועזענער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אַלזשיר: „צוויי קאָלאָסן באַהערשן איצטער די וועלט: איינער אַן אַ האַרץ און דער אַנדערער אַן שכל“.

וואָס ס'איז שייך דעם פאַרהאַלטן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין די רוישיקע דעבאַטעס און אָפּשטימונגען אינם בריטישן פאַרלאַמענט, האָבן זיי געשפּאָלטן און אויפגערודערט דאָס ענגלישע פאָלק ווייט איבער די גרענעצן פונם לאַנד גופא. דאָס פאַרהאַלטן פוןביידע, פון אַ פאַרבינדעטן, ווי צפון־אַמעריקע און דער אָפּאָזיציע אינם בריטישן פאַרלאַמענט, האָבן נאַסערן און זיינע געטרייע העלפערס געשטאַרקט אין זייער חוצפה און אומבאַגרענעצטער פּראָוואָקאַציע.

און יידישע דעפּוטאַטן — זעכצן אָדער זיבעצן — מיטגלידער פון דער לאַבאָריסטישער פראַקציע, האָבן געטריי און קנעכטיש מיטגעשטימט קעגן דער רעגירונג וועגן איר שטראָף־עקספּעדיציע קעגן דעם פאַשיסטישן מצרים. זיי האָבן אויך פאַרגעסן דעם נעכטן פון די דרייסיקער יאָרן, און האָבן זיך געהיטן, מען זאָל זיי חלילה נישט חושד זיין אין „טאָפּעלטער לאָיאַליטעט“: איין לאָיאַליטעט צום לאַנד, אין וועלכן זיי לעבן, די צווייטע — די לאָיאַליטעט צום יידישן פאָלק און מדינת ישראל, וועמען נאַסער און זיינע אַראַבישע פאַרבינדעטע ווילן אויף אייביק פאַרניכטן.

און זאָל דאָ מיט דאַנקבאַרקייט און, געטריי דעם געשיכטלעכן אמת, דערמאָנט ווערן די האַלטונג פון איין לאַבאָריסט, סטענלי עוואַנס, וועלכער האָט אין שעהן פון נאַציאָנאַלער סכנה געשטעלט זיין ערלעך געוויסן העכער, ווי פאַרטיי־דיסציפּלין צו אַ פאַרטיי, וועלכע רייסט זיך אין אַן אומפּאַסנדיקער שעה צום איבערנעמען די מאַכט. ער האָט נישט געשטימט קעגן דער רעגירונג, און האָט עס מאָטיווירט אַזוי: „בריטאַניע איז באַדראָאַט אינם נאָענטן מזרח, פּאָטענציעל נישט וויניקער טויטגעפערלעך פאַר איר לעבנס־סטאַנדאַרט און שטעלונג אַלס אינדוסטריעלע נאַציע, ווי אינם אייראָפּע פון 1938.

„אין אַזעלכע אומשטענדן איז זי נישט בכח מער צו האַנדלען אינם איינקלאַנג מיט אירע אייגענע שלום־פּרינציפּן, נאָר זי מוז זיך רעכנען מיט דער דערפאַרונג, וואָס דיקטאַטאָרן האָבן זי געלערנט.

„מיליטערישע אָפּעראַציעס, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן פון

אַ פרײַ געװײלטער רעגירונג, אונטערשטיצט פון אַ נשקשהדיקער פּאַרלאַמענ־טאַרישער מערהײט, — עס שײַנט מיר צו זײַן אַקעגן די בעסטע אינטערעסן פונם בריטישן פאָלק צו שפּאַלטן דעם האַוז אָװ קאָמאָנס, אין דער צײַט, װען די קאַמפּײַן גײען נאָך אָן.

„באַזונדערס, װען יעדער װײס, אַז די פּײַנטזעליקײטן װאָלטן זיך אַנט־שידן אין אַ פּאָר טעג, און נאָכדעם װאָלט געװען גענוג צײַט צו אַרגומענטירן, װען די האַרמאַטן װאָלטן אײַנגעשטילט דאָס פײַער.

„דאָס באַװוסטזײַן, אַז בריטישע פּאַראַשוטיסטן און קאָמאַנדאָ־טרופּן זײַ־נען גרײט געװען יעדע מינוט צו טון זײער פליכט, פאַרשטאַרקן מײַן איבער־צײַגונג, אַז גראַד איצטער איז געװען דער מאָמענט צו אײניקן די נאַציע, און זי נישט צו שפּאַלטן אויף פּאַרטײ־פּאָליטישע ליניעס.

„אַ לאַנד, װאָס אונטערװאַרפט די אויסערן־פּאָליטיק דעם דרוק פון אינער־לעכער פּאַרטײ־פּאָליטיק אין צײַטן פון אַ קריזיס, װי אומשולדיק די מאָטיװן זאָלן נישט זײַן, איז גענײגט צו ברענגען זײַן פאָלק צום ראַנד פון אַ קאַטאַס־טראָפע און צו נאָך אַ פיל ערגערן מצב.

„אַט דאָס איז געשײען, און די רעזולטאַטן פון דער שפּאַלטונג זײַנען בולט צו זעען.

„איך װוּנדער מיך נישט, אַז די בריטישע און פראַנצויזישע רעגירונגען האָבן פאַרלױרן זײער געדולד. דער פּאַראַט (אומגעטרײשאַפט: Perfidy אינם אָריגינאַל) פון מר. דאַלעס אין דער סועץ־פראַגע גיט מאַקיאַװעלי דעם פּנים פון אַ הײליקן.

„װען די געשײעניש אין גװאַטעמאַלע האָבן אויסגעזען װי אַ באַדראָונג פונם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, דער לעבנס־ליניע פון אַמעריקע, האָט מר. דאַלעס נישט צוזאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון 22 נאַציעס, געדרענגט צו זײַן פאַרזיכטיק, אָדער פאַרװיזן דעם ענין צו דער „אונאָ״.

„טויטלעכע װאָפן אין דער פאָרם פון האַרמאַטן, אַװיאַנען, באָמבעס און קױלן פון ביקסן זײַנען געװען זײַנע אינסטרומענטן פון געדאַנקן־אויסטויש, און אַ רעװאָלטע, װאָס האָט גאָרנישט געהאַט קײן שום שײַכות מיט די פאַרײניקטע שטאַטן, איז איבערנאַכט געװאָרן אינסצענירט.

„אונאָ, די „האָפנונג פונם פאָלק״ האָט מען איבערגעלאָזט צו דענקן, װאָס זי האָט געװאָלט.

„איך האָב די סועץ־פראַגע געזען אַלס אַ האָפנונג צו פאַרשטאַרקן די פרײַנט פון בריטאַניע אינם נאָענטן מזרח, און אויסצוקעמפן אַביסל עלנבױגן־פרײַהײט אינערהאַלב פון דער ענגליש־אַמעריקאַנישער פּאַרטנערשאַפט.

„איך האָב מורא, די דאָזיקע האָפנונג איז געגאַנגען לאבוד. אַלץ, װאָס מען קען האָפן, איז, אַז די אַמעריקאַנער װעלן אונדז דערלויבן דעם זעלביקן בין השמשות, װעלכן די רױמער האָבן מיט חסד דערלויבט דער באַפעלקערונג פון אַטען (אינם אַנטיקן גריכנלאַנד א.פ.).

„אַ געאײניקט בריטאַניע װאָלט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם קריטיציזם פון

די אייל-פּאָליטיקער אין וואשינגטאָן, איגנאָרירט די סטראַשונקעס פון אונד־זערע שונאים אין קרעמל, און וואָלט פּאָרויסגעגאַנגען צו באַזעצן די גאַנצע לענג פונם קאַנאַל.

„מיט ישראלס אָקופּאַציע די ברעגעס (פונם קאַנאַל) פון איין זייט און בריטאַניע און פראַנקרייך פון דער אַנדערער זייט, וואָלטן מיר געהאַט דעם כח עפּעס אויסצוהאַנדלען. ווי עס זעט איצטער אויס, קען דער אויסקוק פאַר בריטאַניע, פראַנקרייך און ישראל נישט זיין ווינסטער, ווי ס'איז.

„דער מצרישע דיקטאַטאָר, מיליטעריש צעקוועטשט פון ישראל, איז איצ־טער שטאַרקער ווי פריער, און אַלץ, וואָס ס'איז דערגרייכט געוואָרן אין מצרים, איז אַ זייער אומבאַקוועמער וואַפנשטילשטאַנד.

„מיר האָבן צוגעשטימט אַרויסצוציין פון מצרים, נישט וואַרטנדיק אויף אַן אויסגלייך פון סכסוך, און די באַדינגונגען פון אַן אויסגלייך פון דער סועץ־פּראַגע און די פּאַלעסטינע־פּראָבלעמען זיינען אַפילו נישט געוואָרן דיסקוטירט.

„און אַלץ דאָס איז געשייען מיטן כח פון אַ קינסטלעך אַרויסגערופענער היסטעריע, וואָס האָט באַלד געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער און מחות פון פאָלק.

„פאַר דעם דאָזיקן עלענדן מצב פונם גאַנצן ענין טראָגן די אחריות דער שאָטן־קאַבינעט (פון דער לייבאָר פּאַרטיי א.פּ.) און די לייטאַרטיקל־שרייבערס פונם „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן", דעם „אָבסערוועֶר" און „עקאָנאָמיסט" (ציטאַטן אַרויסגענומען פון דער לאָנדאָנער אָוונט־צייטונג „סטאַר").

סטענלי עוואַנס האָט פּריוויליק רעזיגנירט אַלס דעפּוטאַט פונם בריטישן אונטערהויז (האוז אָוו קאָמאָנס). ער איז געווען דער איינציקער דעפּוטאַט, וואָס האָט זיין געוויסן און אחריות־געפיל געשטעלט העכער פון דער פּאַרטיי־דיסציפּלין, און וואָס איז נישט געווען געניגט מיטצופּאָרן אין גייטסקעלס קאָרוסעל, וואָס האָט זיך געדרייט אומרעאַליסטיש אַרום דער אַקסע פון אַן אָנמעכטיקער „אונאָ", ווי אַמאָל אין „די גוטע צייטן" פונם פעלקער בונד אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אַוואַנטוריסטישע דיקטאַטאָרן האָבן אַרומגעפּירט ביי דער נאָז די בלוט־אָרימע קאַמפּלאַזע דעמאָקראַטישע לענדער.

אַלץ וואָלט אויסגעזעען אַנדערש, ווען אין דער שעה פון נסיון עס וואָלט זיך געשאַפן אַן איינהייטס־פראָנט, ווי דאַמאָלט אין די פערציקער יאָרן, ווען ס'האָט געהייסן: היטלער אַנטע פּאָרטאַס,*) היטלער שטייט ביי די טויערן פון לאָנדאָן! אַטלי איז געווען גליקלעך צו קענען ווירקן און אַרבעטן צוזאַמען אין אַ קאַבינעט טשערטשיל.

עס וואָלט אויך אַנדערש אויסגעזעען, ווען ווייניקסטענס יידישע דעפּוטאַטן פון אַ גרויסער פראַקציע, דער „בריטיש לייבאָר־פּאַרטיי" וואָלטן געטוי אַזוי נאַציאָנאַל געהאַנדעלט, ווי די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די פּראָבלעמען דאָרט און דאָ בנוגע דעם סועץ־פּראָבלעם זיינען די זעלבע. אַן איינהייטס־פראָנט פון צוויי גרויסע געאייניקטע פעלקער וואָלט אין וואשינגטאָן

* Hitler ante portas.

אַנגעמאַכט אַ רושם. די שפּאַלטונג אינם בריטישן פּאַרלאַמענט מצד דער לייבאָר פּאַרטיי, צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנישע און סאָוויעטישע סטראַשונקעס, (האַנט אין האַנט: אייזענהויער און בולגאַנין!) האָבן אַ פּאָר־באַשטימטן נצחון פאַרוואַנדעלט אין אַן עפּעס, וואָס מען קען אָנרופן יאוש.

אויף אַן אַנדערער שטעל האָט דער שרייבער פונם ביכל אַמאָל געברויכט דאָס מאָטאָ: „מענער פון כאַראַקטער זיינען דאָס געוויסן פון דער געזעלשאַפט". די יידישע דעפּוטאַטן פונם בריטישן אונטערהויז, כאָטש זייער לאָיאַליטעט און אחריות געהערט צו זייערע וויילער־מאַסן, ווייסן דאָך, וואָס ס'איז כאַראַקטער און וואָס ס'איז געוויסן. פּאַרטיי־דיסציפּלין איז אַ זייער וויכטיקער ענין, אָבער אַ פּאַרטיי איז דאָך נישט קיין ענדציל און זעלבסטוועג, נאָר מיטל צום צוועק, און אַ פּראָגרעסיווע פּאַרטיי אין קאַמף קעגן רעאַקציע מוז אין אויסנפּאָליטישע פראַגן דאָך וויסן דעם חילוק אויסצוקלייבן צווישן צוויי איבעלן. צווישן די צוויי פּאָטענציעלע איבעלן: דער אידען־רעגירונג אין לאָנדאָן, קעמפנדיק פאַר אַ יושרדיקן אָפּמאַך, און דער נאַסער־רעגירונג אין קאַירא מיט איר נאַצישע מעטאָדן פון אַגרעסיע און פּראָוואָקאַציע, — וועלכער סאָציאַליסט וואָלט נישט געוווסט דעם חילוק, און ווי אַזוי צו האַנדלען?

האָט דער נייער מצרישער גירוש און די געלע פּאַספּאָרטן, האָט דאָס אויך נאָך נישט געעפנט די אויגן אונדזערע יידישע דעפּוטאַטן? זעען זיי אויך איצטער נאָך נישט דאָס רויטע ליכט פון סכנה, וואָס לויערט ביי די ברעגעס פון נילוס?

און עס ווילט זיך פרעגן נאָך איין פראַגע אין דער שעה פון בין השמשות: „ווי וואָלט פּראָפעסאָר זעליק בראָדעצקי ע"ה געהאַנדלט אַלס ציוניסטישער און נאַציאָנאַלער מנהיג, אַלס פּרעזידענט פון דער באָארד אָוו דעפּיוטיס, ווען ער וואָלט אין דער זעלבער צייט אויך געווען אַ דעפּוטאַט אינם בריטישן פּאַרלאַמענט, וואָלט ער אויך אין דער דאָזיקער קריטישער סועץ־קאַנאַל־אַקציע געשטימט קעגן דער אידען-רעגירונג?" זאָלן די פריינט פונם צו פרי פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר בראָדעצקי און מר. באַרנעט דזשאַנער, מ.פּ., דעם איצטיקן פּרעזידענט פון דער „באָארד", אייך געבן דעם ענטפער.

„מענער פון כאַראַקטער זיינען דאָס געוויסן פון דער געזעלשאַפט". אין דער איצטיקער שעה ברויכן מיר אַזעלכע מענער, און ווי איז די מלוכה־מענער, וועלכע פאַרשטייען נישט די געפאַר פון דער שעה! דערווייל הערשט אין קאַירא דער נאַצישער גייסט פון בערלין און דער טשעקאָ־אָכראַנישער גייסט פון מאָסקווע. מדינת ישראל איז פאַריתומט און איזאָלירט. ווער וועט אונדז ראַטעוון ירושלים?

לאָנדאָן, 14־טן דעצעמבער, 1956.